בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קי"ד

יו"ל: י"א שבט ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם
זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של
$15
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

עס קומען אלץ צו פרישע מציבות...
"וְאַתָּה תֶחֱזֶה"
"הַוּדַּאי שְׁמוֹ"
גיי כאפ אים, ער לויפט אוועק...
אז מען שפּאַרט זיך ביים רבי'ן
דאס שיין פון א מצוה קלה
ספר "צוואת הריב"ש" ומחברו
"וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְעַל כִּי אִם אֵיזֶה הִרְהוּר תְּשׁוּבָה"
בלויז דאס קוקן אויפן צדיק
יעדן איינעם אנגעקוקט
א פולער מזרח וואנט
איבערגעהאקט דעם שמועס
"רבונו-של-עולם, וואו בין איך? וואו בין איך?"
"ענף עץ אבות"
נסיעת רבי נחמן מהאראדענקע לארץ הקודש
"וַיִּקָּבֵר בְּקִבְרוֹת אֲבֹתָיו"
הבעל התניא עם רביז"ל
"איך האב געמיינט ער וועט מאכן ביידע!"
רביז"ל משתדך עם בעל התניא
"צוליב דעם האב איך דיר געשיקט!"
מען וויינט נישט נאר פאר פרנסה...

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #114

בס"ד

# פרשת יתרו

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 133#)

## עס קומען אלץ צו פרישע מציבות...

(משוחח על תורה ע"ב "חיים נצחיים", "ואתה תחזה"[א] שבליקוטי מוהר"ן תניינא)

(חסרה ההתחלה) ..."**וּכְפִי שֶׁהוּא מַכְנִיס עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַדַּעַת**"[ב] – **ער נעמט זיך אריין אין דער זאך. די ידיעה איז דא ביי יעדן איינעם, עס איז דא ביי מיר א ידיעה, איך וויים אז די וועלט איז גארנישט, אבער איך לייג זיך נישט אריין אין דער ידיעה.**

**מען זעהט דאך ארויס, היינטיגע וואך איז געווען מיין זון'ס יארצייט**[ג]**, בין איך געווען אויפן פעלד, האב איך שוין געזעהן, עס איז שוין דא א מציבה "ר' אברהם**

---

[א] השייכת לפרשת השבוע, יתרו.

[ב] וזל"ש: "וְעַל כֵּן כָּל אֶחָד כְּפִי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ **וּכְפִי שֶׁהוּא מַכְנִיס עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַדַּעַת**, כָּל מַה שֶּׁהוּא עוֹסֵק יוֹתֵר לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, כֵּן הוּא עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כִּי עִקַּר בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הוּא הַדַּעַת כַּנַּ"ל. וְיֵשׁ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ מָהִיר וְחָרִיף, וְהוּא עוֹסֵק תָּמִיד לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וּכְפִי הַגְדָּלַת דַּעְתּוֹ וּמֹחוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה".

[ג] **ר' משה** ז"ל. נולד בקיבליטש אלול תרע"ח. עלה לארץ שנת תרצ"ו. בהיותו ילד בן ארבע חלה במחלה קשה שהפילה חללים רבים, ואביו רלוי"צ הלך לציון רבינו והתחנן על נפש בנו יחידו ונפלטו מפיו המילים: "**לפחות יובל שנים הענק לו**". ואכן כך היה ונפטר בגיל חמשים וארבע. נלב"ע **ט"ו שבט** תשל"ג. (גידולי הנחל)

**יעקב"[ד], עס איז שוין דא א מציבה "ר' יוסף ארליך"[ה], עס קומען צו נייע מציבות... פון אויבן איז דא א שיינע מציבה אפגעשריבן דארטן די ווערטער, פיין, גוט, אבער דער נפטר איז דאך אונטן... ווער ווייסט וואס טוהט זיך מיט א נפטר, די אלע זאכענישן...**

**"וּמְצוּדָה פְרוּסָה עַל כָּל הַחַיִּים"[ו], יעדער איינער מוז דאך אנקומען דערצו. און וואס איז דארטן דאס חשיבות? וואס איז דארטן דאס חשיבות? מיט וואס נעמט מען אים אויף דארטן? וואס זוכט מען דארטן? תורה, תורת אמת. און תפילה – "לכל אשר יקראוהו באמת". איז עס טראכטן – זאל ער טראכטן מיט אמת, דאס איז דארטן דאס גאנצע חשיבות.**

**קומט דאך אוים: "שמכנים עצמו" – מען דארף אריינגעמען 'זיך' אין דער ידיעה, זיך אריינלייגן אין דער ידיעה. עס ווארפט זיך דורך גוטע געדאנקען, אבער נעם זיך אריין אין דער ידיעה, לאז נישט אפ דער ידיעה פון זיך, האלט זי צו! אט דאס ווערט בכח פון רבי'ן, בכח פון תפילה, בכח פון תורה, בכח פון רעדן דיבורים פון תכלית.**

**מען פלעגט מדייק זיין דעםווארט וואס דער רבי זאגט: "וְעַל כֵּן כָּל אֶחָד כְּפִי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ וּכְפִי שֶׁהוּא מַכְנִים עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַדַּעַת" – אז ער נעמט זיך אריין אין דעם דעת. אז איך האב א ידיעה, לייג איך זיך אריין אינגאנצן אין דער ידיעה, ער איז טאקע דארטן. אז איך האב א ידיעה – לאמיר זיך אריינלייגן אין דער ידיעה, די ידיעה איז דאך אַן אמת'ע ידיעה, פארוואס גיי איך אוועק פון דער ידיעה?!**

---

[ד] **ר' אברהם יעקב מרדכי** ב"ר צבי **גאלדרייך** ז"ל. מלאדזש פוילן. מחבורת עובדי ה' שבאנ"ש בירושלים. נולד תרע"ב. עלה לא"י שנת תרצ"ב. היה מן השבויים בעבר הירדן. איש תם וישר וירא אלקים ומחמיר גדול בכל אשר יבא לפיו וירא וחרד, פעל רבות לעשות תיקונים בציון הרשב"י ובפרט להפרדה בין גברים לנשים ובתקינות המקוה וחימומו. נפטר בשבת שובה ח' תשרי תשל"ו, במירון. (גידולי הנחל). עי' עוד בטעם זקנים קונטרס ק"ג.

[ה] **ר' יוסף ארליך** ז"ל, מחשובי אנ"ש, ממייסדי העיר בני ברק, היתה לו קופת חסד שהיה מחלק לאנשי ירושלים ובני ברק ובעיקר לאנ"ש (עי' עוד אודותיו בספר 'אש תמיד תוקד' מעמוד 429). נפטר י"ח תמוז - ערב שבת פר' פנחס תשל"ה. ראה עוד אודותיו בטעם זקנים קונטרס ע"א, ע"ח.

[ו] משניות אבות פ"ג, מט"ז.

מיר רעדן דאך נישט אז מיר זאלן ווערן מרה שחורה'דיג, אבער אזוי איז דאך עס פארט. ראש השנה איז ער (ר' אברהם יעקב גאלדרייך) געווען אין מירון, און ח' תשרי, שפעטער מיט עטליכע טעג, איז ער נפטר געווארן. עס איז שוין דא א מציבה, "ר' אברהם יעקב מרדכי ב"ר צבי". און "ר' יוסף ארליך" - א מציבה, "ר' יוסף ב"ר יחזקאל ארליך". שוין, זעהט מען דאך אז עס איז דאך א געוואלד.

וואס איז דארטן דא? אמת! די וועלט איז אַן 'עלמא דשיקרא'; האסטו זיך געצויגן צו דער 'עלמא דקשוט', האסטו אַן אמת, אט דאס האסטו געבראכט אהערצו. די שווינדלערס דארטן נעמען א שטיקל גאלד און פארבן דאס אָפּ פון אויבן - עס איז גארנישט ווערד, עס איז גארנישט. האסטו געבראכט אהערצו אַן אמת'ע זאך - אט דאס האסטו. וויפיל דו וועסט רעדן און בעטן און זעהן - אזויפיל פארמאגסטו, דאס איז דיין פארמעג.

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן דער ידיעה, און זיך אריינעמען אין דער ידיעה אריין, וועט מען ארויסכאפן עפעס גוטע זאכן. אז איך גיי אין גאס, קען איך גיין מיט אמת. שלמה המלך זאגט[ז]: "וְגַם בַּדֶּרֶךְ כְּשֶׁהַסָּכָל הֹלֵךְ" שרייט ער ארויס אז ער איז א 'סכל'. וואס הייסט א 'סכל'? אז ער גייט אין גאס און די געדאנקען זענען פארנארישט, איז ער א 'סכל'. אבער אז איינער גייט אין גאס און ער איז (דבוק) צום אויבערשטן, איז עס א "ובלכתך בדרך". אז איך וועל וויסן די ידיעה אז דאס איז עס, נעמט ער זיך אריין דערינען וואו ער גייט - פארן שלאף, אינמיטן שלאף, נאכן שלאף. אז איך האב אזא ידיעה אז דאס איז דער אמת, לייג איך זיך אריין דארט.

מען זעהט דאך 'בגשמיות', אז א מענטש האט עפעס א ידיעה פון א רווח פון געלט, לייגט ער זיך אריין דארטן, ער פארט, ער טוהט, איך האב דאך א ידיעה פון א רווח פון געלט. אויב היינט גייט נישט קיין אויטאס, וועט ער שוין באקומען, ער לויפט, ער פליהט, איך האב דאך עפעס א ידיעה פון א רווח. 'ברוחניות' איז אויך

---

[ז] קהלת י, ג: "וְגַם בַּדֶּרֶךְ כְּשֶׁהַסָּכָל הֹלֵךְ, לִבּוֹ חָסֵר, וְאָמַר לַכֹּל סָכָל הוּא".

**דא א ידיעה, עס כאפט זיך אריין, אבער אריינלייגן זיך אין דער ידיעה איז שווין** (לאו כל אחד משתדל להכנים עצמו בזה!)

❖

## "וְאַתָּה תֶחֱזֶה"

(ר' חיים שלמה: ווי אזוי איז שייך היינט א מנהיג פון הונדערט מענטשן, פון טויזנט מענטשן, וואס דער רבי רעדט אין דער תורה[ח]?) **הער זיך איין, דו פרעגסט 'ווי איז היינט שייך'; ווי אזוי איז געווען אין דער צייט פון משה רבינו? עס איז געווען 'שרי עשרות' - א מנהיג פון צעהן מענטשן, א מנהיג פון פופציג, פון הונדערט, פון טויזנט - און מער איז שוין נישט געווען, איז געווען משה רבינו. ווי אזוי איז דעמאלט געווארן א מנהיג פון צעהן מענטשן? דער תירוץ איז, אז ער האט געגעבן א קוק, האט אנדערש נישט געקענט זיין, עס איז ממילא שוין אזוי געווארן! משה האט שוין נישט געדארפט זאגן, אזוי איז שוין געווארן, מיט דעם קוק איז אזוי געווארן. היינט, וואס דארפן מיר קלערן? מיר ווייסן אז דער רבי איז דער מנהיג![ט] דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז מיר זאלן זיך נישט שטעלן אנטקעגן דעם דאזיגן, מיר זאלן וועלן זעהן דעם רבי'ן!**

---

[ח] עיי"ש, וז"ל: "וְזֶה בְּחִינַת (שְׁמוֹת י"ח): **"וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם, וְשַׂמְתָּ עֲלֵיהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת"** וְכוּ'. **'וְאַתָּה תֶחֱזֶה' דַּיְקָא**, כִּי עַל יְדֵי הָרְאִיָּה לְבַד שֶׁל משֶׁה רַבֵּנוּ, שֶׁהָיָה רוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד, הָיָה מִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד, וְעַל יְדֵי זֶה קִבֵּל כָּל אֶחָד וְאֶחָד גְּדֻלָּה וּשְׂרָרָה כְּפִי עֶרְכּוֹ, כְּפִי הָרָאוּי לוֹ לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת 'שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי מֵאוֹת' וְכוּ'. וְזֶהוּ: 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה וְכוּ' וְשַׂמְתָּ עֲלֵיהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים' וְכוּ', כִּי עַל יְדֵי שֶׁיֶּחֱזֶה משֶׁה וְיִסְתַּכֵּל בָּעָם, **עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ** הוּא מֵשִׂים אוֹתָם 'שָׂרֵי אֲלָפִים' וְכוּ', כִּי עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ בָּהֶם מְקַבֵּל כָּל אֶחָד גְּדֻלָּתוֹ, עַל יְדֵי הִתְנוֹצְצוּת מֹחוֹ שֶׁמִּתְנוֹצֵץ עַל יְדֵי הַהִסְתַּכְּלוּת שֶׁמִּסְתַּכֵּל בּוֹ חֲכַם הַדּוֹר, בְּחִינַת משֶׁה כַּנַּ"ל. וְגַם משֶׁה הָיָה יָכוֹל לְצַוּוֹת, שֶׁזֶּה יִהְיֶה שַׂר אֶלֶף וְזֶה שַׂר מֵאָה וְכוּ', כִּי עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ בָּהֶם הָיָה יוֹדֵעַ הַגְּדֻלָּה הַמַּגִּיעַ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, **כִּי עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ הָיָה יוֹדֵעַ הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ שֶׁל כָּל אֶחָד**, אֲשֶׁר כְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ כֵּן מַגִּיעַ לוֹ גְּדֻלָּה כַּנַּ"ל".

[ט] עי' במכתב של רבי נחמן טולטשינער מיום ה' נשא תר"ל (נדפס בסו"ס עלים לתרופה) מש"ש בזה"ל: "וְהַיּוֹם לָמַדְתִּי הַמַּאֲמָר הַקָּדוֹשׁ "הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ לְהִתְקַשֵּׁר לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל" וְכוּ'. **וּכְבָר מֻנָּח כְּלָל בְּיָדֵינוּ אֲשֶׁר כָּעֵת הוּא הַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה**, וְיֵשׁ בָּזֶה דִּבּוּרִים הַרְבֵּה לְבָאֵר".

אז מען רעדט איינער מיטן אנדערן, חברים, בפרטיות קען מען דאך נישט רעדן איינער מיטן אנדערן, מען קען נאר געבן חיזוק אז דאס איז דער אמת, אבער געבן יענעם עצות – 'וואס', קען מען נישט. נאר די ידיעה ברורה וואס מיר האבן פונעם כח פונעם רבי'ן, דאס דארף מען רעדן מיטן חבר.

❖

(השואל: וואס מיינט "גאלע"?) **"גאָלע" הייסט 'אינגאנצן'; אַן אוקריייניש ווארט.**

(ר' נחמן: ר' דוד צבי האט געזאגט אויף ר' נתן'ען, "ער מיינט גאלע ערנסט!") **יא; גאלע איז אינגאנצן**[י]**.**

❖

## "הַוַּדַּאי שְׁמוֹ"

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז זיך אמאל מיישב, האט דער מענטש א ידיעה ברורה - 'אזוי איז דאס'; ווי קען ער אוועקגיין פון דער נקודה? ווי קען איך אוועקגיין פון דער ידיעה? עס איז דאך באמת א נארישקייט, ממש נאריש! מען זעהט א מענטש איז געווען, נישט לאנג האב איך גערעדט מיט אים און איצטער איז ער שוין נישטא, און פארקערט, ער האט ארויסגעכאפט גוטע זאכן, אבער וואס איז געבליבן? און וואס בלייבט? און וואס דארף איך טוהן? דארף דאך זיין ביי מיר עפעס א ידיעה ברורה!

---

[י] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, אות קל"ג. ועי' טעם זקנים קונטרס י"ב: "(אחד מהנוכחים: רבי שמואל הורביץ שרייבט דארטן, אז רבי ישראל שוחט האט זיך ארומגעדרייט ביי די רבנים צוליב זיינע חומרות, איז ער געווען ביי רבי דוד צבי, איז געווען פרייטאג צו נאכט'ס, האט ער געזעהן אז ער ווארט, און פון די אנדערע צימער האט ער געהערט רבי נתן זינגען אשת חיל מיט שלום עליכם, ער האט זיך געוואונדערט אז א חשוב'ע רב ווארט אויף א יונגערמאן, האט ער געזאגט **'ער מיינט גאלע ערינסט'** - -) **"ער מיינט ערנסט"**. אבער נישט מיט ר' ישראל שוחט! ס'איז דארט געווען רבנים ביי איהם, ביי רבי דוד צבי!

דאכט זיך, פון דעם אר"י הקדוש שטייט[יא]: "ו'יברך ד'וד א'ת ה'" איז ר"ת 'ודאי'. אז דוד המלך האט אריינגעשיינט 'לעיני כל הקהל' אז דער אויבערשטער זאל זיין א 'ודאי'! אט דאס איז די ברכה פון "ויברך דוד את ה' לעיני כל הקהל". מיר רעדן דאך דא פון דעם געדאנק אז אלוקותו יתברך זאל זיין א 'ודאי', א ודאי זאל דאס זיין, נישט בלשון ספק, נאר א ודאי, אט דאס האט ער אריינגעשיינט.

**"איר דארפט אסאך אנדולען אייער גוף!"** – האט דער רבי געזאגט[יב]. דאס איז וואס מיר רעדן דא; ברוך השם, מיר רעדן נישט קיין לשון הרע מיט קיין רכילות, מיר רעדן דא - עס הייסט דאך אמת'ע דיבורים, אבער מען דארף אסאך אנדולען דעם גוף, אסאך אריינרעדן אין אים, מען רעדט און מען רעדט און מען רעדט אז מען זאל וויסן אז דאס איז עס, דאס איז עס, דאס איז א ודאי, א ודאי, עס איז נישט שייך - "מצודה פרוסה על כל החיים" – 'על כל החיים'.

---

[יא] עי' שער הכוונות - דרושי יום הכיפורים, בהקדמה: "גם מצאתי בסדר מוסף יוה"כ בחזרת הש"ץ בפזמון המתחיל כן "האוחז ביד מדת משפט הכל מאמינים שהוא אל אמונה הבוחן ובודק גנזי נסתרות וכל מאמינים שהוא בוחן כליות" ופזמון זה כתוב אחר קדושת המוסף. וכתוב בחוץ כתיבת מורי ז"ל ... **הודאי** [שמו כן תהלתו] הוא **שם המפורש** י"ה במילואו יוד ה"א אותיות הודאי. **ובאותו שם עלה משה למרום**. וכן **ודאי** הוא בגי' **אהיה**. עוד ירצה כי **ודא"י** הוא שם קדוש היוצא בר"ת **ויברך דוד את ה'"**.

[יב] עי' חיי מוהר"ן, אות תמ"ג: "וְשָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאָמַר גַּם לְכַמָּה אֲנָשִׁים אֲחֵרִים, מֵחֲמַת שֶׁהַגּוּף שֶׁלָּכֶם עָב מְאֹד וְעַז וְחָזָק וְכוּ' עַל כֵּן **דַארְפְט אִיהר אִיהם אַסַאךְ אָן דוּלֶען** [צְרִיכִים אַתֶּם לְהַלְעִיט אוֹתוֹ] עִם דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים מֵעִנְיַן הַתַּכְלִית וְכַנַּ"ל. וּמִמֵּילָא מוּבָן כִּי צְרִיכִין לְדַבֵּר עִם עַצְמוֹ גַּם כֵּן דִּבּוּרִים הַרְבֵּה מֵעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְחַזֵּק אֶת נַפְשׁוֹ, בִּכְדֵי שֶׁלֹּא יִרְפּוּ יָדָיו לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם. וְכַמּוּבָא בְּהַשִּׁירִים וְהַחֲרוּזִים שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וּבִמְקוֹמוֹת הַרְבֵּה מִדְּבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִין בְּכָל יוֹם בַּבֹּקֶר מָה אָנוּ מֶה חַיֵּינוּ וְכוּ' לְבַד הַנְּשָׁמָה וְכוּ' אֲבָל אֲנַחְנוּ עַמְּךָ וְכוּ' אַשְׁרֵינוּ וְכוּ' וְכַמּוּבָא בִּדְבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא סִימָן קכ"ה, עַיֵּן שָׁם".

איך בין געווען ביי מיין זון (קברו) – מיין זון איז שוין דריי יאר א נפטר. האב איך געזעהן דארטן ר' משה טשעגסטכאווער ע"ה[יג], ר' יענקל תפילינסקי[יד], ר' אברהם יעקב – געוואלד, מען האט דאך נאר וואס גערעדט מיט זיי, און שוין, און שוין... וואס מיט א נפטר טוהט זיך איבער ווייסט דאך קיינער נישט, אבער דאס ווייסן מיר, אז וואס ער האט ארויסגעכאפט עפעס נקודות פון אמת, דאס איז דאס, דאס האט ער דארטן.

❖

## גיי כאפ אים, ער לויפט אוועק...

מען ווערט אנגערופן אויף דעם נאמען פון דעם אמת'ן צדיק. דער רבי רופט דאס אָן 'צדיק אמת' 'צדיק אמת'[טו], ווייל דער עיקר איז דאך דער 'אמת'. אז ער איז דער צדיק 'אמת', שיינט ער אריין א נקודה פון 'אמת'. דער עיקר, יעדער דיבור וואס מען רעדט, דארף איך אריינגעמען דעם דיבור. אזוי ווי דער רבי זאגט: "וכפי שהוא מכנים עצמו בתוך הדעת".

און צוריק; למשל, פון אויבן אויף קען מען ווערן אמאל איבערגע'רעש'ט דערפון, דארף מען ווויסן די שיחה פונעם רבי'ן[טז] אז "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד". אויב נישט שמחה, וועט ער בשום אופן נישט קענען (לעבן מיט דער ידיעה). ווארום דער

---

[יג] **ר' משה** ב"ר חיים ראובן **גלידמאן** ז"ל. גיסו של רלוי"צ, חתנו של ר' אהרן מקיבליטש. נולד תרנ"ט. מתלמידיו המובהקים של ראבר"ן. עלה לא"י עוד לפני מלחמת העולם השניה. נלב"ע **י"ט שבט** תש"ז. (גידולי הנחל)

[יד] **ר' יעקב גדליה** ב"ר נתנאל **תפילינסקי** ז"ל. עובד ה' גדול בהצנע ומופלא במידת החסד ובהארת פניו. חתנו של ר' יונה לעבל. נפטר פתאום בהיותו כבן שלושים **בט"ז שבט** תשל"א. עי' תולדות חייו ומכתביו בספר "שארית יעקב" (גידולי הנחל).

[טו] עיי"ש בתחלת התורה: "דַּע, שֶׁלִּרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם **הַצַּדִּיק 'הָאֱמֶת'**", וכו', וכן הרבה בליקו"מ.

[טז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

רבי זאגט[יז] אז שמחה איז 'חירות המוחין'. כדי זיך ארייַנצונעמען אין דעם דעת אריין, דארף דער מח זיין בחירות. אויב איך וועל ארייַנוואַרפן (במחשבה) עפעס א מרה שחורה דערפון, וועל איך בשום אופן נישט זיך ארייַנלייגן אין דעם מח אריין, ווארום די מרה שחורה שלעפט אוועק דעם מח. די מרה שחורה לאזט נישט צובינדן דעם מח צו א זאך. שמחה לאזט יא, שמחה איז חירות המוחין, קען איך אים צובינדן.

אז איך וויל האבן א געדאנק, איך וויל רעדן עפעס א געדאנק, אז דער מענטש איז מרה שחורה'דיג לויפט דער געדאנק אוועק, איך קען אים נישט צובינדן צו איין זאך, ער לויפט אוועק. אז איינער וויל רעדן צום אויבערשטן, אז ער האט אין זיך 'שמחה' דעמאלט קען ער האבן א חיות צום אויבערשטן מיט א קביעות אויף לענגער, און ער האלט זיך דערביי. טאמער נישט קיין שמחה, לויפט ער אוועק, ער לויפט אוועק, גיי כאפ אים קריק, ער לויפט אוועק... ממילא קומט אוים, אז וואס מיר רעדן דארף מען וויסן אז "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד" מוז מען דאך, מען קען נישט זיך רירן אָן דעם.

אוודאי, אז מען גיט א קוק פון אויבן אויף – געוואלד, געוואלד! מען איז אזוי ווייט פונעם אמת, אזוי ווייט אז יעדע גשמיות'דיגע הנאה געפעלט מיר שוין און איך ליג אין דער גשמיות'דיגער הנאה. און פון די רוחניות וואס דאס איז א חיים נצחיים וואס אפילו מען רעדט דערפון אבער זיך ארייַננעמען און זיך ארייַנלייגן דערינען איז מען דאך ווייט דערפון, דארף מען דאך אוודאי האבן א בושה דערפון.

---

[יז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י': **"אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ**, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. **רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ**, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה נ"ה): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת. וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקַשֵּׁר שִׂמְחָה אֶל הַמֹּחַ, אֲזַי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ בֶּן חוֹרִין, וְאֵינוֹ בִּבְחִינַת גָּלוּת, וַאֲזַי יוּכַל לְהַנְהִיג אֶת מֹחוֹ כִּרְצוֹנוֹ וּלְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, מֵאַחַר שֶׁמֹּחוֹ בְּחֵרוּת וְאֵינוֹ בְּגָלוּת".

דער רבי רעדט טאקע, אז דער עיקר איז די בושה[יח]. משה רבינו האט ארייגעבראכט אזא מין התגלות אלוקות ביי מתן תורה, "פנים אל פנים"[יט], דעמאלט איז געווען א געוואלדיגע בושה, "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם"[כ], די בושה איז דעמאלט געווען געוואלדיג גרויס. אידן זענען דאך געווען אין מצרים וואו עס איז געווען 'הללו והללו עובדי עבודה זרה'[כא], אבער משה רבינו האט ארייגעשיינט אין זיי דער בושה, א געוואלדיגע בושה האבן זיי געהאט – 'געוואלד, געוואלד, מיר זענען בני אברהם יצחק ויעקב און מיר זענען געלעגן אין מצרים'! 'הללו והללו', דאס איז דאך נישט קיין קלייניקייט, מען האט א קוק געגעבן אויף זיך, 'הללו והללו', וואס זענען 'די' בעסער פון 'די'? האבן דאך אלע געפילט א געוואלדיגע בושה. און בושה, זאגט דער רבי, איז תשובה. איז געווארן אזא מין סארט תשובה אז עס איז געווען ממש "פנים בפנים דיבר ה' עמכם" – אזוי האבן זיי געשיינט, עס איז נישט געווען קיין פאלשע וועלט, זיי האבן געטוהן אַן אמת'ע תשובה, אַן אמת'ע בושה איז דעמאלט געווען. אזא בושה איז געפאלן אז ממש עס איז געווען יציאת נשמתן, מען האט געדארפט אומקערן דער נשמה![כב]

❖

[יח] עיי"ש בסוף התורה: "וּכְלַל הַיּוֹצֵא מִכָּל הַנַּ"ל, שֶׁמִּי שֶׁבָּא אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי וְשׁוֹמֵעַ מִפִּיו תּוֹרָה, רָאוּי שֶׁיֻּמְשַׁךְ עָלָיו בּוּשָׁה וְשִׁפְלוּת גָּדוֹל מְאֹד. וְזֶה סִימָן שֶׁהָיָה אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי, כְּשֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו בּוּשָׁה וְשִׁפְלוּת עַל יְדֵי שֶׁשָּׁמַע מִפִּיו אֵיזֶה דְּבַר תּוֹרָה, כִּי עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁמַּמְשִׁיךְ הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, עַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ בּוּשָׁה, כְּמוֹ שֶׁהָיָה בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה כַּנַּ"ל. וְעַל יְדֵי הַבּוּשָׁה, דְּהַיְנוּ תְּשׁוּבָה, עַל יְדֵי זֶה נִחְיֶה הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר, וְאָז מְחֻיָּב שֶׁיַּרְגִּישׁ כָּל אֶחָד שִׁפְלוּתוֹ בֶּאֱמֶת".

[יט] דברים ה, ד.

[כ] שמות כ, יז.

[כא] עי' זוה"ק תרומה דף ק"ע ע"ב.

[כב] עי' גמ' שבת פח:

# אז מען שפּאַרט זיךביים רבי'ן

ברוך השם, מיר שטייען ביי אזא מין סארט אמת, ביי אזא "פלטין של אמת"[כג], וואס מען קען זוכה זיין צו א נקודת אמת אינגאנצן אז וואס איך טוה זאל זיין מיט אַן אמת. 'אמת', דאס איז דער חותם, "חותמו של הקב"ה"[כד], אינגאנצן דאס חשיבות פון דער זאך איז אמת. אז איך זאג א קאפיטל תהלים, איך לערן עפעס, איך רעד צום אויבערשטן, זאל דאס זיין מיט אַן אמת, איך זאל זיך נישט אפנאַרן. דער רבי זאגט[כה]: "והמשכיל המבין" וואס הייסט אמת, דארף ער בעטן, 'רבונו-של-עולם, דו האסט דאך ליב אמת - פיר מיר מיט דיין אמת!' און וויפיל דער מענטש ציהט זיך דערצו, ווערט אין אים נקבע און נשרש עפעס געדאנקען פון אמת.

ביי א סָבֵא איז, "בְּסָבֵי מְחָא שָׁקִיט וְשָׁכִיךְ"[כו]. דאס איז אויך דאס אייגענע, ווייל ער האט אין זיך מער אמת.

**דער רבי איז א בעל כח גדול! רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן: "אז מען שפארט זיך איין ביים רבי'ן ווערט מען געהאלפן!"**

אז מען רירט זיך צו צום רבי'ן מיט אַן אמת, מיט די ספרים, מיט די עצות, און ווי ווייט מען קען ארייננכאפן אז עס זאל זיין 'הצנע לכת', איז אוודאי זייער גרוים. יעדע זאך וואס א מענטש כאפט ארוים, עפעס לימוד, תפילה, מצוות - וואס מער 'הצנע לכת', ליגט דערינען מער אמת, וועט ער נאר האבן אַן עסק מיטן אמת; אויבן האט מען ליב אמת[כז].

---

[כג] עי' בשיחות שבסוף ספר "סיפורי מעשיות": "דע, שיש שני מיני פלטין" וכו'.

[כד] שבת דף נה.

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ב, בא"ד: "**וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין** יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו, שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו, לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי ה' כָּרָאוּי".

[כו] זוה"ק פר נשא דף קכ"ח ע"ב.

[כז] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ט', אות ג': "**וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת**" וכו' עיי"ש.

איך בין מקורב צו א צדיק אמת וואס ער רעדט נאר פון אמת, און איך דארף זיך ציען צום אמת, און דאס אליין, צו האבן די געדאנקען, ממילא וואס איך וועל עפעס טוהן, איז אליץ ווייל איך זוך דעם אמת.

און אזוי אויך מיט א חבר זאל מען רעדן דיבורי אמת. אז דער אויבערשטער העלפט אז עס קומען זיך צונויף צוויי מענטשן דארף מען אויך רחמים מען זאל זיך נישט פארדרייען מיט נייעס'ן מיט געשעפטן, פארקלאפן דעם קאפ און מען רעדט נישט א דיבור אמת. די כוונה עליונה איז דאך געווען עס זאלן זיך צונויף קומען די צוויי מענטשן כדי מען זאל רעדן א דיבור אמת, און דא פארדרייט מען זיך מיט אנדערע דיבורים און מען רעדט נישט וואס מען דארף רעדן.

עס איז דא א לשון פון א תפילה[כח]: "וְכַמָּה עַלְמִין אִתְהֲפִיכוּ בְּגִינֵיהוּ". וועלטן קערן זיך איבער עס זאלן צונויף קומען די צוויי מענטשן. און מען קומט זיך צונויף און מען רעדט גאר אנדערע זאכן... עס פירט זיך נישט אויס וואס עס דארף זיך אויספירן. און פארוואס טאקע? ווייל מען פילט נישט דעם אמת. אז איך קום זיך צונויף מיט יענעם - נישט מוסר זאגן, נאר "אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק"[כט]: 'גוטער ברודער, האלט זיך! האלט זיך! פארוואס שלאפט מען? מען שטייט דאך ביי אזא גרויסן רבי'ן, מיר דארפן עפעס בעסער זיין, לערנען בעסער, דאווענען בעסער, כאפן עפעס א מצוה'!

❖

[כח] ע"פ מליצת לשון ליקוטי תפלות חלק שני תפלה ל"ג. ועי' ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה, אות ל"ט, בא"ד: "וְעַל כֵּן **צְרִיכִין לְהַאֲמִין** שֶׁעִקַּר כַּוָּנַת ה' יִתְבָּרַךְ **מַה שֶּׁמְּסַבֵּב שֶׁיִּסַּע הָאָדָם** הוּא רַק בִּשְׁבִיל שְׁלֵמוּת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל הַיְנוּ שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לָצֵאת מִבֵּיתוֹ לֵילֵךְ אוֹ לִנְסֹעַ לְמָקוֹם אַחֵר **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְוַעֵד עִם אָדָם אַחֵר אוֹ עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים לְדַבֵּר עִמָּהֶם מֵהַתַּכְלִית הָאֲמִתִּי וְהַנִּצְחִי שֶׁיְּעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**", עיי"ש וכו'.

[כט] ישעי' מא, ו.

## דאס שיין פון א מצוה קלה

עס שטייט דא אין "צוואת הריב"ש"[ל] פונעם בעל שם הקדוש: "וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה"[לא]; 'זהיר' איז א לשון 'שיינען'; מען זאל ארײַנלייכטן און ארײַנשײַנען אין דער מצוה קלה! דאס איז אויך דאס אייגענע, אין דער מצוה קלה וואס איך טוה, שײַן איך אויך אריין דורך אמת. 'תורת אמת'; דאס גאנצע חשיבות פון דער תורה איז נאר דער אמת, און דאס ארײַנשײַנען אין דער מצוה איז אויך מיט אמת! פאר וועמען טוה איך דער מצוה? איך טוה דער מצוה פארן אויבערשטן, און דער אויבערשטער וויל דאך נאר אמת, צדקה מיט הצנע לכת וויפיל מען קען, ווי ווייט מען קען.

אז דער אויבערשטער העלפט אז עס קומט דארטן דער הייליגער זמן פון חצות און מען שטייט שוין אויף, איז וואס מען טוהט דעמאלט ווען מען שטייט אויף – וואס מען טוהט – תורה, תפילה, צדקה, איז דער זמן מסוגל דערצו. און אז מען ווייסט אז דאס חביבות פונעם אויבערשטן איז נאר אמת – 'אה, רבונו-של-עולם, דו ביסט דאך 'אמת', און איך בין מקורב צו א צדיק 'אמת' – פיר מיר אויפן אמת'! – אז מען האט די געדאנקען כסדר, ממילא קלעפט זיך צו עפעס. און א חבר זאל אויך זיין מיט אַן אמת, וואס צוליב דעם איז כדאי און כדאי ארויסצוכאפן די הרהורי תשובה, און דער עיקר הרהור תשובה איז, אז דער אויבערשטער העלפט אז עס איז מיט אַן אמת!

❖

---

[ל] אות א', וזל"ש בא"ד: "ושלא יניח שום יום מעשיית מצוה הן קלה הן חמורה, וסימנך **'הוי זהיר במצוה קלה'** וכו'. פי' **'זהיר'** מלשון **'והמשכילים יזהירו'**, ר"ל **הנשמה תזהיר ותאיר ממצוה קלה כבחמורה כי רחמנא ליבא בעי**".

[לא] משנה אבות פ"ב, מ"א.

# ספר "צוואת הריב"ש" ומחברו

(מדבר על ספר צוואת הריב"ש) אז מען לערנט עפעס זאל מען זעהן אז עס זאל זיין מיט אַן אמת - זיך אפשטעלן אינמיטן לערנען אז עס זאל זיין מיט אן אמת[לב] - אלץ רעדט ער פון אמת. איך האב א קוק געגעבן, אינגאנצן דעם רבי'נס זאך דארטן - חצות[לג], און התבודדות[לד], דאווענען ותיקין - דער בעל שם הקדוש האט דאך געדאוונט ותיקין[לה], ער האט געדאוונט ותיקין אפילו ביחידות, און אז רוב דאווענען זאל זיין פארן נץ. און אז חומרות מאכן מרה שחורה[לו], אינגאנצן דעם רבי'נס זאך ליגט דאך דא, ממש ווי קען מען נעמען און פארדרייען דאס אינגאנצן?! עס איז פון א תלמיד - רבי ישעי'לע יאנאווער, פון די תלמידים פונעם בעל שם. ער זאגט דאך אלעמאל נאך פונעם בעל שם.

---

[לב] עיי"ש אות נ"ד: "**כשלומד צריך ליישב עצמו לפני מי הוא לומד שלפעמים מתרחק עצמו בלימודו מהבורא ית' לכך צריך ליישב עצמו בכל עת ובכל שעה**".

[לג] שם אות כ"ו: "**יהא זהיר מאד לקום בחצות הלילה אם אינו קם שלא מחמת אונס הוא בנידוי למעלה ח"ו**". ובאות כ"ז: "**ויהפוך הלילות לימים ויישן ביום כמה שעות כדי שיספיק לו מעט שינה בלילה**". ובאות כ"ח: "**כשקם בחצות ונופלת עליו שינה ילך לכאן ולכאן בבית וישיר בשירות ויגביה קולו כדי להסיר מעליו השינה**".

[לד] שם אות פ': "**מפני מה יזכה לדביקות? מחמת התבודדות מבני אדם!**". ושם אות קט"ז, בא"ד: "**לפעמים שוכב במטה ונראה לב"א שהוא ישן והוא באותה שעה מתבודד עצמו עם הבורא יתברך**". עיי"ש גם באותיות ח' ס"ג.

[לה] שם אות ט"ז: "וכגון דא צריך להודיע להרגיל בחצות לילה **ולכל הפחות יזהר להיות התפלה בין בקיץ בין בחורף קודם הנץ החמה דהיינו שיהיה רוב התפלה עד קרוב לקריאת שמע קודם הנץ, והחילוק בין קודם הנץ בין לאחר הנץ כרחוק מזרח ממערב** כי אז עדיין יכולין לבטל, כל הדינים כי כשהחמה יוצאת אזי כל הכרוזים יוצאים הן לטב הן לביש וקודם שהכרוז יוצא יכולים לבטל, וסימנך והוא כחתן יוצא מחופתו ישיש כגבור וכו' ואין נסתר מחמתו אל תקרי מחמתו אלא מחימתו כלומר כשכבר השמש יצא על הארץ אז אין נסתר מהדינים הבאים ממלאכי חימה **ע"כ אל יהא דבר זה קטן בעיניך כי גדול הוא, ובע"ש ז"ל היה מדקדק גדול ע"ז ולפעמים כשהיה עת שלא היה לו מנין היה מתפלל ביחיד**".

[לו] עיי"ש אות מ"ו: "**ואל ירבה בדיקדוקים יתירים בכל דבר שעושה שזה כוונת היצר לעשות לאדם מורא שמא אינו יוצא בדבר זה כדי להביא אותו לעצבות ועצבות היא מניעה גדולה לעבודת הבורא יתברך**" וכו', עיי"ש.

(ר' נחמן: ער ליגט אין סמילא!) יא, אין סמילא[לז]. סמילא, דאס איז לעבן טשערקאס, איך בין געוועזן דארט.

❖

אין סמילא האט געוואוינט דעם טשעהרינער רב'ס א זוהן – ר' ישראל האט ער געהייסן, ער איז געוועזן דער יונגערער. איך בין געוועזן אין סמילא עטליכע מאל.

(ר' נחמן: דער שווער פון דעם טשעהרינער רב, מזיווג שני, ר' יואל לאדיזינסקי, איז געוועזן פון לאדיזין?) ניין, פון קרימענטשוק[לח]. דער אלטער ר' נתן (בייטלמאכער) פלעגט דערציילן: זי, דער זיווג שני פון דעם טשעהרינער רב, פלעגט קומען קיין ברסלב, מען האט איר זייער מכבד געווען, זי איז געווען אַן אשה חשובה זייער. זי איז געווען אביסל פארמעגליך, פלעגט זי געבן פאר די ארעמעלייט, אביסל דארטן תומך געווען אין ברסלב.

❖

## "וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְעַל כִּי אִם אֵיזֶה הִרְהוּר תְּשׁוּבָה"

מיר שטייען ביי אזא אמת'ן רבי'ן, דארף מען זיך ציען צום אמת. עס דארף זיין אהבה איינער צום אנדערן, דאס איז אויך א געוואלדיגער רצון פונעם צדיק. אונזערע לייט פלעגן תמיד רעדן פונעם זוהר אין פרשת 'כי תשא'[לט], דארטן איז דא א זוהר,

---

[לז] עי' שבחי הר"ן אות כ': "ובעת שהיה יושב בבית חותנו, כשהיה חפץ לדבר עם הבעל שם טוב ז"ל, דהיינו לילך על קברו ולבקש מאתו איזה דבר בקשה, היה רגיל לנסוע לקהלת **סמילא** שהיה סמוך לבית חותנו. **והלך על קבר הצדיק המפורסם מורנו הרב ישעיה מיאנוב ז"ל, שהוא מונח שם.** ועשה את הצדיק הנ"ל לשליח, שילך ויודיע להבעל שם טוב ז"ל את בקשתו מה שהיה צריך אז".

[לח] עי' לשון צוואת הרב מ'טשערין, הנדפס בס' כוכבי אור: "אשתי הראשונה מרת טשארנא בת הר' יצחק ז"ל, מצד אביה הוא ר' יצחק בן ר' אברהם מוויניצא הנקרא ר' אבריימל וכו', אשתי השניה מרת פיגא תחיה, מצד אביה הוא רבי יואל לאדיזשונסקע מקרימענטשאק" וכו'.

[לט] דף קצ"ב ע"ב.

וואס רבי שמעון פרעגט עפעס א געוואלדיגע קשיא און דערנאך ענטפערט ער א תירוץ, און איידער ער ענטפערט דעם תירוץ זאגט ער, "רְחִימִין דְּנַפְשָׁאִי" – א לשון פון זוהר, מיט עפעס אזא מין ליבשאפט רעדט ער צו די חברייא, און נאך דעם ענטפערט ער דעם תירוץ. אזא מין סארט געוואלדיגע השגה איז דארטן דא.

פלעגן אונזערע לייט זאגן: "ווער ווייסט וואס מיר וואלטן זוכה געווען דורכן רבי'ן ווען מיר זאלן זיך ליב האבן!" – האבן די אהבה! אז ער האט געדארפט זאגן אזא מין סארט השגה, ווייזט ער ארויס פריער אזא מין סארט ליבשאפט.

דער אור פונעם רבי'ן איז זייער גרויס; אז עס איז דא מענטשן, מען האט זיך ליב מיט אַן אמת'ע אהבה, קען אריינגיין דארטן מער גיכער די נקודה. א מענטש אליין ווי אזוי ער איז, איז שווער עס זאל זיין אין אים אזא מין סארט אמת (בשלימות). אזוי ווי קעגן דאס גרויסקייט פון 'תפילה בציבור', [דאס איז דאך קעגן די צען מענטשן פונעם בעל תפילה[מ]], אז עס איז דא א ציבור, עס איז דא צען מענטשן, [יו"ד איז דאך קדושה], קען דארטן שורה זיין אלקותו יתברך. אז עס דא די מענטשן, מען האלט זיך 'איינס', אין איין געדאנק מיט דעם רבי'ן און מען רעדט פון אמת און מען וויל אמת, איז דאס דאך טאקע א געוואלדיגער נחת רוח פאר דעם צדיק.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: *דער רבי האט געזאגט: "ווען איר וועט זיך האלטן צוזאמען" -* ) **וועט איר מיר צוציען צו זיך!"[מא]**

**"די וועלט קער זיך צו פארוואונדערן אויף די אהבה!"[מב]** - דארף דאך דאס אלצדינג מקוים ווערן.

---

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילה ה"ד, המיוסד ע"פ מעשה י"ב מספר "סיפורי מעשיות", מעשה מהבעל תפילה.

[מא] עי' חיי מוהר"ן, אות קפ"ז: "קֹדֶם שֶׁיָּצָא מִבְּרֶסְלַב לְאוּמֶין לְהִסְתַּלֵּק שָׁם בָּעֵת שֶׁיָּצָא מִפֶּתַח הַבַּיִת וְלַחוּץ לַעֲלוֹת עַל הָעֲגָלָה עָמַד אֵצֶל הַמְּזוּזָה וְהִנִּיחַ יָדוֹ עַל הַמְּזוּזָה עָנָה וְאָמַר לְהָעוֹלָם: **תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם**".

[מב] עי' חיי מוהר"ן, אות רצ"ב: "עָנָה וְאָמַר: **הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ**".

דער אמת איז דאך אזוי; וואו איז דא א גרעסערע אהבה אז מען זיצט צוזאמען און מען האט אלע אמונה אין דעם רבי'ן, א התקשרות צו דעם רבי'ן, און מען רעדט פונעם תכלית - וואו איז דא א בעסערע זאך?! אזוי ווי עס זיצן דארטן מענטשן און מאכן א גרויסן מסחר און אלע שטייען אין איין דיעה, און אלע סוחרים - יעדער איינער קלערט צו מען זאל ארײנלייגן אזוי פיל געלט צו אזוי פיל געלט, מען איז זיך מעמיק אין דער זאך - דאס איז דאך אונזער מסחר! אונזער מסחר איז ביים רבי'ן, דאס איז אונזער מסחר, און מיר שטייען און מען רעדט דאך דא! ווי קען זיין עס זאל זיין עפעס אנדערע געדאנקען ביי אונז?! אט דאס איז אונזער מסחר; פארוואס קומט מען זיך צונויף? מיר קומען זיך צונויף אז מען זאל אוועקגיין מיט הרהורי תשובה, **דאס איז געוואלדיג. עס איז כדאי צו מאכן נסיעות און אלעם כדי ארויסצוכאפן א הרהור תשובה; א הרהור תשובה פון א נקודה פון אמת איז א געוואלד, א געוואלד!**[מג]

❖ ❖ ❖

## בלויז דאס קוקן אויפן צדיק

(ממשיך לדבר ע"פ תורה ע"ב) דער רבי זאגט דא, אז דורך דעם וואס מען זעהט דעם צדיק, נאר דורכ'ן זעהן אליין, איז מען מקבל גדולה. און דער עיקר גדולה, זאגט דער רבי, איז שפלות[מד].

---

[מג] עי' חיי מוהר"ן אות תקמ"ג: "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וּרְצוֹנוֹ הָיָה אֲפִלּוּ לְדַבֵּר עִם בְּנֵי הָעוֹלָם שִׂיחוֹת חֻלִּין בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם, אוּלַי יִצְמַח וְיִתְגַּלְגֵּל מִזֶּה דִּבּוּרִים שֶׁיְּעוֹרְרוּ אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְעַל כִּי אִם תְּנוּעָה בְּעָלְמָא**, שֶׁיִּכְנֹס בָּהֶם אֵיזֶה **הִרְהוּר תְּשׁוּבָה** אוֹ הִתְעוֹרְרוּת לְפִי שָׁעָה, **גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד**, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁיָּכוֹל לִהְיוֹת שֶׁבִּרְבוֹת הַיָּמִים, כְּשֶׁיְּדַבֵּר עִמָּהֶם וְיַחֲזֹר וִידַבֵּר, אוּלַי יִזְכֶּה לְעוֹרְרָם בֶּאֱמֶת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְקָרְבָם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה ... **וְגַם הָיָה רְצוֹנוֹ שֶׁיִּסְעוּ נְסִיעוֹת בִּשְׁבִיל זֶה כְּדֵי לְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם**".

[מד] עיי"ש: "**כִּי עַל יְדֵי שֶׁרוֹאִין אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק, עַל יְדֵי זֶה מְקַבְּלִין גְּדֻלָּה. וְעִקַּר הַגְּדֻלָּה הִיא שִׁפְלוּת**, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ: 'כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ' (מְגִלָּה לא)".

דער תענוג פון עולם הבא איז א תענוג אָן א גבול, די אלע תענוגים וואס מיר האבן דא אין דער וועלט – וואספארא תענוג, האט עס אלץ א גבול, אכילה, שתיה, שינה, געלט, עס האט אין זיך א גבול – אזוי פיל תענוג, אזוי פיל גבול. אבער א תענוג עולם הבא איז אָן א גבול. און דער מענטש אז ער האט אין זיך שפלות, דאס איז אַן ענין פון 'בלתי גבול', קען ער פילן א תענוג פון עולם הבא וואס דאס איז אויך 'בלתי גבול'. זאגט דער רבי, "טועמיה" – די וואס פארזוכן דעם שבת, וואס דאס איז דאך 'בלתי גבול', "חיים זכו" – זיי זענען זוכה צו דעם "חיים נצחיים". כל זמן דער מענטש ליגט אין דעם גבול קען ער בשום אופן נישט פילן א תענוג פון בלתי גבול[מה].

דער רבי זאגט אז דאס שפלות פון משה רבינו איז מלובש אין יעדעם איבר[מו]. "מחֹקק" איז "רמ"ח"[מז]. און מחֹקק איז משה. אין אלע רמ"ח אברים פון דעם מענטשן ליגט דאס שפלות פון משה רבינו. נאר וואס דען? עס שלאפט! אבער דורך 'ראיית פני הצדיק' ווערט לעבעדיג דאס שפלות, ממילא קען ער נאכדעם פילן דער תענוג.

---

[מה] וזל"ש: **"כִּי תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא אִי אֶפְשָׁר לָנוּ לְהַשִּׂיג עַכְשָׁו, וְזֶה מֵחֲמַת שֶׁאָנוּ עַכְשָׁו בִּגְבוּל, וְכָל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ גְּבוּל אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַשִּׂיג תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא הָרוּחָנִי.** וְעַל כֵּן גַּם עֹנֶג שַׁבָּת, שֶׁהוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קיח): 'כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת, נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים', הַיְנוּ בְּלִי גְּבוּל, כִּי עֹנֶג שַׁבָּת שֶׁהוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, הוּא בְּחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל. וְעַל כֵּן עִקַּר חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל לֶעָתִיד לָבוֹא, בְּחִינַת תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא, יִהְיֶה רַק לְהַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד. כִּי שִׁפְלוּת וַעֲנִיווּת הוּא בְּחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל, כִּי הוּא בְּחִינַת אַיִן מַמָּשׁ, וְאֵין לוֹ שׁוּם גְּבוּל, מֵחֲמַת שֶׁהוּא בְּתַכְלִית הָעֲנִיווּת, וְעִקָּר חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא הוּא רַק בִּבְחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן שַׁבָּת שֶׁהוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, נֶאֱמַר בּוֹ: "**טוֹעֲמֶיהָ חַיִּים זָכוּ**", כִּי מִי שֶׁטּוֹעֵם טַעַם עֹנֶג שַׁבָּת, זוֹכֶה לְחַיִּים, בְּחִינַת חַיִּים נִצְחִיִּים כַּנַּ"ל".

[מו] עיי"ש: **"כִּי דַּע, שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר, וְזֶה זָכוּ יִשְׂרָאֵל בְּמַעֲמַד הַר סִינַי, שֶׁאָז הִמְשִׁיךְ מֹשֶׁה הַשִּׁפְלוּת שֶׁלּוֹ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר".**

[מז] שם: "**וְזֶהוּ: 'בִּמְחֹקֵק בְּמִשְׁעֲנֹתָם'. מְחֹקֵק דָּא מֹשֶׁה**, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא טו). **גַּם מְחֹקֵק בְּגִימַטְרִיָּא רַמַ"ח, הַיְנוּ בְּחִינוֹת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה**, שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּרַמַ"ח אֵיבָרָיו, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר כַּנַּ"ל".

כל זמן איך האב נישט אין זיך דאס שפלות, ליג איך דאך אין א גבול. רבי נתן רעדט טאקע אין דער הלכה[מח], 'מצרַים' איז א לשון 'מצָרים', אלץ איז געווען מיט א גבול, האבן זיי בשום אופן נישט געקענט דערפילן דעם תענוג וואס משה רבינו האט זיי געוואלט אריינגעבן. אז מען איז ארויס פון דארטן פון די מצָרים, זיי זענען ארויס פון דעם גבול, האבן זיי געקענט האבן א תענוג פון "פנים בפנים דיבר ה' עמכם", א תענוג פון אזא התגלות אלקות וואס אפילו יחזקאל הנביא האט נישט געזעהן דאס אלקות וואס משה האט אריינגעשיינט אפילו אין א שפחה, זיי זענען אזוי געווארן בלתי גבול, אזוי געווארן בחינת 'אַיִן', אז ממש זיי האבן דערזעהן דעם 'אור אין סוף'[מט].

זאגט דער רבי דא, אז דאס איז געווען נאר דורך 'ראיית פני הצדיק', דורכן זעהן משה'ן. די תורה איז דאך נאך דעמאלט נישט געווען. דער רבי זאגט דא: ["דַּע, **שֶׁלִּרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא גַּם כֵּן דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד. בְּוַדַּאי כְּשֶׁזּוֹכִין לִשְׁמֹעַ מִפִּיו תּוֹרָה, הוּא מַעֲלָה יְתֵרָה, אֲבָל גַּם כְּשֶׁאֵין שׁוֹמְעִין תּוֹרָה, הָרְאִיָּה לְבַד, שֶׁזּוֹכִין לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק, הוּא גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד!**"] דעמאלט איז נאר געווען 'ראיית פני הצדיק', מער איז דעמאלט נישט געווען, זיי האבן געזעהן משה'ן. און דורך דער 'ראיית פני הצדיק' איז געווארן אזא מין שפלות, עס איז

---

[מח] ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ד': "וְזֶה עִקַּר בְּחִינַת יְצִיאַת מִצְרַיִם שֶׁאָז זָכִינוּ לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִזְכֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא לִבְחִינַת נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים בְּלִי גְּבוּל הֵפֶךְ בְּחִינַת מִצְרַיִם שֶׁנִּקְרָא עַל שֵׁם זֶה מִצְרַיִם **לְשׁוֹן מְצָרִים וּגְבוּל**, כִּי כָּל מָקוֹם הָרָחוֹק מֵהַקְּדֻשָּׁה בְּיוֹתֵר הוּא בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת בְּיוֹתֵר וְיֵשׁ שָׁם בְּחִינַת מְצָרִים וּגְבוּל בְּיוֹתֵר. **וְעַל כֵּן כָּל הַגָּלֻיּוֹת מְכוּנִים עַל שֵׁם מִצְרַיִם**, עַל שֵׁם שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, כִּי עִקַּר כָּל הַגָּלֻיּוֹת הוּא גָּלוּת הַנֶּפֶשׁ מַה שֶּׁמּוֹנְעִים אֶת יִשְׂרָאֵל מִכַּמָּה מִצְוֹת וּקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי מְרִירַת הַגָּלוּת בְּגַשְׁמִיּוּת וְרוּחָנִיּוּת וְכָל מַה שֶּׁרְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה, כֵּן הוּא בִּבְחִינַת גְּבוּל וּמֵצַר בְּיוֹתֵר. וְעַל כֵּן נִקְרָאִים הַגָּלֻיּוֹת עַל שֵׁם מִצְרַיִם לְשׁוֹן מֵצַר וּגְבוּל, כִּי הֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל לְכוֹבְשָׁם ח"ו, בִּבְחִינַת מֵצַר וּגְבוּל הֵפֶךְ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים הַנַּ"ל".

[מט] עיי"ש בליקו"ה אות י"ב.

געווארן אזא מין סארט 'אַיִן', אז מען האט געקענט דערקענען דעם אויבערשטן מער ווי יחזקאל הנביא[י] - אלקותו איז דאך 'בלתי גבול'.

זעהט מען דעם כח פון דעם צדיק, אט דאס איז 'ראיית פני הצדיק', אז מין כח איז דא אז מען קען זוכה זיין צו אזא מין סארט תענוג אין רוחניות וואס אפילו א נביא האט נישט זוכה געווען דערצו.

מען זאגט טאקע אין דער אקדמות: "וְלָא אִשְׁתְּמַע וְחָמֵי נְבִיאָן חֶזְוָתָא" - די נביאים האבן נישט געזעהן דעם תענוג וואס עס וועט זיין לעתיד, "עין לא ראתה"! דער רבי רעדט דאך דא פון "חיים נצחיים", אז דורך 'ראיית פני הצדיק' קען מען זיין אזוי 'בלתי גבול' אז מען זאל קענען פילן אזא מין תענוג וואס א נביא זאל דעם תענוג נישט זעהן.

וואס הייסט היינט 'ראיית פני הצדיק'? אין דעם רבי'נס ספרים ליגט דארטן 'פניו ושכלו ונשמתו', עס ליגט 'גנוז בספרו'[יא].

❖

[י] עי' בליקו"ה שם, אות ל"א: "**וְאָז בִּשְׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם עֲדַיִן לֹא זָכִינוּ לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה**, כִּי בְּמִצְרַיִם לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לִתֵּן אֶת הַתּוֹרָה מִתֹּקֶף זֻהֲמַת מִצְרַיִם, עַל כֵּן הָיְתָה הַגְּאֻלָּה קָשָׁה מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהִגָּאֵל כִּי אִם עַל יְדֵי בְּחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים וּתְחִיַּת הַמֵּתִים אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם עַל יְדֵי קַבָּלַת הַתּוֹרָה. וְקַבָּלַת הַתּוֹרָה אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם אַחַר יְצִיאַת מִצְרַיִם, **עַל כֵּן בֶּאֱמֶת הָיָה הַדָּבָר קָשֶׁה וְכָבֵד מְאֹד רַק שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו חָמַל עָלֵינוּ וְהֵאִיר הֶאָרָה נִפְלָאָה שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר שֶׁזָּכוּ לְהִתְנוֹצְצוּת מֹחִין גְּדוֹלִים מְאֹד רַק עַל יְדֵי בְּחִינַת רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק שֶׁהוּא מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, כִּי בִּשְׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם שֶׁעֲדַיִן לֹא קִבְּלוּ אֶת הַתּוֹרָה מִמֹּשֶׁה רַק שֶׁקִּבְּלוּ הֶאָרַת הַדַּעַת וְהִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין עַל יְדֵי רְאִיַּת פָּנָיו הַקְּדוֹשִׁים לְבַד. וְעַל יְדֵי זֶה לְבַד דִּלֵּג, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַקֵּץ וּגְאָלָם מִיַּד אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא זָכוּ עֲדַיִן לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה הַנִּמְשֶׁכֶת מֵרְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק**, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר הַבּוּשָׁה וְהַתְּשׁוּבָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר תְּחִיַּת הַמֵּתִים, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר הַגְּאֻלָּה כַּנַּ"ל, אֲבָל אָז הָיָה בִּלְתִּי אֶפְשָׁר לְהַמְתִּין עַל זֶה כַּנַּ"ל, עַל כֵּן הֵאִיר עֲלֵיהֶם הֶאָרָה נִפְלָאָה שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁעֲדַיִן לֹא קִבְּלוּ אֶת הַתּוֹרָה, אַף עַל פִּי כֵן גָּאַל אוֹתָם עַל יְדֵי גֹּדֶל הַהֶאָרָה הָעֲצוּמָה שֶׁנִּמְשַׁךְ עֲלֵיהֶם אָז שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הִמְשִׁיךְ עֲלֵיהֶם הֶאָרָה מִבְּחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים, מִבְּחִינַת חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הָיְתָה הַגְּאֻלָּה כַּנַּ"ל".

[יא] עי' פרפראות לחכמה סי' ד', אות כ"ד: "התיקונים שנעשין על ידי הסתכלות פני הצדיק עיין בסי' קצ"ב שבכל ספר וספר נמצא דמות דיוקנו ואור פניו של זה הצדיק והחכם שחידש אלו הדיבורים

## יעדן איינעם אנגעקוקט

דער טשעהרינער רב איז געווען א געוואלדיגער מענטש, ער איז געווען א געוואלדיגער הצנע לכת. איך האב געקענט די אלע מענטשן (שהכירוהו), זיי האבן מיר דערציילט – זיי האבן דאס געזעהן, ערב ראש השנה פאר מנחה איז ער ארומגעגאנגען, ער האט יעדן איינעם אנגעקוקט. מען האט געוואוסט, 'דער טשעהרינער רב קוקט יעדן איינעם אָן, ער זאגט אז דאס 'איז ראיית פני הצדיק'!'[נב] אויף יעדן איינעם א קוק געגעבן, און געגאנגען ווייטער, געגאנגען ווייטער. עס איז געווען א קיבוץ, אמאליגע יארן...

(ר' נחמן: נישט נאך מנחה?) **פאר מנחה!** פאר מנחה איז ער געגאנגען ארום און ארום און ער האט יעדן איינעם אנגעקוקט. דער מענטש האט אזוי געלעבט, אז ער קוקט אָן אונזערע לייט איז דאס 'ראיית פני הצדיק', ער האט יעדן איינעם אנגעקוקט.

ער איז געשטאנען ראש השנה ביים גאנצן דאווענען מיטן פנים צו דער וואנט – א פולער מענטש איז שווער צו שטיין לאנג. טאמער האט ער זיך געגעבן א דריי

---

שבזה הספר". גם עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ד: "וּבֶאֱמֶת הָיָה נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁכָּל שֶׁנִּתְקָרֵב אֵלָיו נִתְמַלֵּא תֵּכֶף יִרְאָה גְּדוֹלָה וַעֲצוּמָה, וְנִתְלַהֵב מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר לֹא נִרְאָה כָּזֹאת. **וְגַם עַכְשָׁו עֲדַיִן יִרְאָתוֹ הַגְּדוֹלָה גְּנוּזָה בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים**, וְכָל מִי שֶׁעוֹסֵק בָּהֶם בֶּאֱמֶת וּבִתְמִימוּת בָּא עָלָיו יִרְאָה גְּדוֹלָה וּמִתְעוֹרֵר מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּי כָּל דְּבָרָיו כְּגַחֲלֵי אֵשׁ". גם עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ל"ג: "**כִּי מִי שֶׁמִּסְתַּכֵּל עַל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וַאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ זוֹכֶה רַק לְהִסְתַּכֵּל בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים** בְּעֵין הָאֱמֶת הוּא יָכוֹל לְהָבִיא הִתְבּוֹנְנוּת אֲמִתִּי בְּלִבּוֹ לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ קְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה עַל יְדֵי עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁיִּזָּהֵר לְקַיְּמָם בֶּאֱמֶת וּבִפְשִׁיטוּת".

[נב] עי' ב"פרפראות לחכמה" שם בהמשך: "התיקונים שנעשין על ידי **הסתכלות פני הצדיק** ... ועיין בסימן קנ"ג מבואר שם **שהתלמיד כשזוכה הוא מקבל אור הפנים של הרב ממש** וכו' ועיין סימן ר"ל". ובהמשך: "**כי כשבא אל כלל הקיבוץ הקדוש שלו ורואה מדותיהם הקדושים ועבודתם אשר עובדים את ה' ומשתוקקים בכלות הנפש לילך בדרכיו הקדושים וכו', ויודע ומבין היטב שכל זה נמשך רק מקדושת אור נשמתו הקדושה ואור קדושת תורתו אשר שם מאיר אור פניו הקדושים וכו' כנ"ל, זה בחינת 'הסתכלות פני הצדיק'**, ועי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן מ' ותבין שזה בחינת (ישעיה ל"ג) **'ביפיו תחזינה עיניך'** שהעיקר הוא **בזמן אסיפת הקיבוץ הקדוש שלו**".

**אויס, האט דאס פנים געברענט א געוואלד, א שרעק געווען צו קוקן, פארקאָכט! נו, 'דער טשעהרינער רב'!**

(ר' נחמן: א שפיגל! "לראות את פניו בפנים שלו כמו במראה ממש!"[נג]) **א שפיגל! א שפיגל ממש! אזוי ווי מען קוקט זיך אָן אין שפיגל זעהט מען 'זיך' ארויס, אזוי ממש, אַן אספקלריא!**

❖

## א פולער מזרח וואנט

איך בין געווען אין טשעהרין, עס איז געווען דארט גרויסע גבירים – אונזערע לייט. פון טשעהרין פלעגן ארויספארן זיבעציג-אכציג חסידים אויף ראש השנה. עס איז געווען א בית המדרש – א בית המקדש געווען... א גרויסער גארטן, א גן, מיט ביימער – א רייכקייט, גבירים. מען האט אויסגעבויעט דער שול נאך אין די צייטן פון טשעהרינער רב.

די אלע גבירים האבן געקויפט שטעט (- זיין פלעצער) אין מזרח. נו, דער רב האט דאך געהאט א שטאט אין מזרח. ער איז געקומען, האט ער געזעהן אז עס איז ענג אין מזרח אז מען קען גארנישט איינשטיין דארט אינגאנצן. האט ער א זאג געגעבן דעמאלט א ווארט: **"די גופים זענען אזוי נאנט אז מען שטופט זיך, אבער די הערצער זענען ווייט..."** דער עיקר איז דאך אז די הערצער זאלן זיין נאנט.

---

[נג] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ט, אות ב', בא"ד: "כִּי צָרִיךְ לְזַכֵּךְ אֶת הַפָּנִים, **שֶׁיּוּכַל כָּל אֶחָד לִרְאוֹת אֶת פָּנָיו בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ כְּמוֹ בְּמַרְאָה,** עַד אֲשֶׁר בְּלֹא תוֹכֵחָה וּבְלֹא מוּסָר יִתְחָרֵט חֲבֵרוֹ תֵּכֶף עַל מַעֲשָׂיו, רַק מִמַּה שֶּׁיַּבִּיט בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ, כִּי עַל יְדֵי שֶׁיַּבִּיט בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ יִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּמוֹ בְּמַרְאָה, אֵיךְ פָּנָיו מְשֻׁקָּע בְּחֹשֶׁךְ".

די גבירים דארטן האבן אביסל פארשטעלט דעם רבי'נס זאך, עס איז דאך געווען עשירות. (ר' נחמן: דער רבי רעדט אז די מטבע פארשטעלט...) **יא**[נד].

❖ ❖ ❖

## איבערגעהאקט דעם שמועס

(אחד הנוכחים: רבי נתן איז געפארן אמאל מיט זיינע מענטשן, און דער וואגן האט זיך איבערגעקערט, האט רבי נתן געזאגט: 'דער בעל דבר האט געמיינט נאר צעשטערן דעם שמועס'!) **יא! רבי נתן איז געזעצן אין וואגן און ער האט גערעדט פונעם רבי'ן, און דער וואגן האט זיך געגעבן א קער איבער. די מענטשן האט עס נישט געשאדט, נאר וואס דען, דער שמועס איז געווארן איבערגעהאקט. האט ער געזאגט: "דער בעל דבר האט טאקע געמיינט ער זאל איבערהאקן דער שמועס!"**[נה]

❖

[נד] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ג: "הַצַּדִּיק הוּא בְּעַצְמוֹ מֵאִיר תָּמִיד, רַק הַמְּנִיעָה מֵחֲמַת הַמְקַבְּלִים. וְהַמְּנִיעָה הוּא מֵחֲמַת הָאָרֶץ הַמַּפְסֶקֶת, הַיְנוּ הָעוֹלָם הַזֶּה. כִּי בְּנֵי אָדָם מְשֻׁקָּעִים בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְעַל כֵּן אֵינָם יְכוֹלִים לְקַבֵּל אוֹר הַצַּדִּיק ... כְּמוֹ **מַטְבֵּעַ קְטַנָּה** אִם תַּחֲזִיק אוֹתָהּ נֶגֶד עֵינֶיךָ, יִמְנַע מִלִּרְאוֹת הַר גָּדוֹל, אַף עַל פִּי שֶׁהָהָר גָּדוֹל אֲלָפִים פְּעָמִים כְּמוֹ הַמַּטְבֵּעַ הַקְּטַנָּה. אַךְ מֵחֲמַת שֶׁהַמַּטְבֵּעַ עוֹמֶדֶת נֶגֶד עֵינָיו, עַל כֵּן חוֹצֶצֶת בִּפְנֵי רְאִיַּת הָעֵינַיִם, עַד שֶׁאֵינוֹ רוֹאֶה הַדָּבָר הַגָּדוֹל מִמֶּנּוּ כַּמָּה פְּעָמִים. כֵּן כְּשֶׁמַּגִּיעַ וּבָא אֶל הָעוֹלָם הַזֶּה, נִשְׁאָר שָׁקוּעַ שָׁם בְּהַבְלֵי עוֹלָם, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁאֵין טוֹב מִזֶּה. וְהָעוֹלָם הַזֶּה הַקָּטָן וְהַמְּעַט, מוֹנֵעַ אוֹתוֹ מִלִּרְאוֹת אוֹר גָּדוֹל וּמֻפְלָג שֶׁל הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא גָּדוֹל כַּמָּה אֲלָפִים פְּעָמִים כְּנֶגְדּוֹ כַּנַּ"ל".

[נה] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות רל"ח. ועי' ליקוטי הלכות הל' העושה שליח לגבות חובו ה"ה, אות י"ט: "הַמְשָׁכַת הַתּוֹרָה מִדּוֹר לְדוֹר חוֹבָה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם וְכוּ' וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם וְכוּ'". וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה "כִּי מְרַחֲמָם" וְכוּ' **שֶׁהַחִיּוּב עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לַעֲסֹק** בְּיִשּׁוּב הָעוֹלָם, דְּהַיְנוּ **לְדַבֵּר עִם חֲבֵרָיו לְעוֹרְרָם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ** וְכוּ', **אֲבָל הַבַּעַל דָּבָר מִתְגָּרֶה עַל כָּל אָדָם וְאֵינוֹ מַנִּיחוֹ לַעֲסֹק בָּזֶה וְאִם יִרְצֶה לְהִתְגַּבֵּר כְּנֶגְדּוֹ, הוּא מִתְגָּרֶה בּוֹ בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר כַּיָּדוּעַ**".

## "רבונו-של-עולם, וואו בין איך? וואו בין איך?"

עס איז געווען אזעלכע שמועסן ביי אונז! ראש השנה דארט אין אומאן האב איך 'ברוך השם' געהאט פופצן-זעכצן אורחים, פון די עובדי השם, די באבריניצער[נו], מיט נאשקען[נז] ע"ה, איך האב געהאט ברוך השם, אידן, עובדי השם! אז עס איז געקומען ראש השנה ביים טיש – וואס האט מען גערעדט? מען האט גערעדט פונעם רבי'ן! אזעלכע דיבורים איז גערעדט געווארן פונעם רבי'ן, ממש איך פלעג שטיין, און טרערן פלעגט זיך מיר גיסן: "רבונו-של-עולם, וואו בין איך? וואו בין איך? צדיקים זיצן דאך ביים טיש און רעדן!" יעדער איינער האט ארויסגערעדט – דאס התבודדות האט פון אים ארויסגערעדט...

עס איז אריינגעקומען איינער צו מיר (הבחור 'נטע גארעליק'[נח], ואמר לי:) 'געוואלד, וואספארא טיש איז דא ביי דיר? א טיש פון צדיקים!' די אמונה אינעם רבי'ן איז געווען אזוי גרויס, און עפעס די ראש השנה (איז געווען געוואלדיג), מען האט גערעדט, מען האט גערעדט. ביים טיש איז ברוך השם געווען א שיינער טיש.

איך האב אייך דערציילט, אין אומאן איז געווען אזוי; די אנדערע נאכט (ראש השנה) האט מען נישט געקענט אריינגיין אין שול (- קלויז) אריין, די גאנצע שטאט איז געקומען צו גיין. (ר' נחמן: טויזענטער מענטשן?) א געוואלד איז געווען! אפילו אינדרויסן האט מען נישט געקענט צוגיין. און על-פי רוב פלעגט מען דאווענען מנחה גאר אין די הייזער. ביי מיר האט געקענט זיין – עס איז געווען ביי מיר פופצן-זעכצן אורחים, אבער אריינקומען איז אריינגעקומען א האלבער עולם - א געפאקטע שול געווען. האט מען שוין געדאווענט מנחה און מעריב ביי מיר אין שטוב – דאס איז געווען די שול.

---

[נו] ר' יצחק באבריניצער נכד מוהרנ"ת, ור' מרדכי באבריניצער, עי' טעם זקנים קונטרס פ"א.

[נז] ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

[נח] עי' טעם זקנים שם.

(ר' נחמן: וואס איז מיט דעם ענין פון קיבוץ?) מען האט דאך נישט געקענט צוגיין, עס איז געבליבן דארט אַן עולם אויך, רבי אברהם (שטערנהארץ) האט דארט געזאגט א תורה. (ר' נחמן: דאס האט אויך געדויערט א צוויי שעה?) האָ האָ, ער האט אריינגעצויגן לאנג.

אזוי איז געווען, מען האט געוואוסט, אז עס קומט ראש השנה – דער עולם גייט צו דער ברסלב'ער שול. די שול איז געווען געפאקט, און דער פּאָליש איז געווען געפאקט, אינדרויסן ארום און ארום איז געווען געפאקט, און עס איז געווען דארטן נשים אויך, האט מען שוין נישט געקענט צוגיין. פארוואס זאל מען גיין? מען קען נישט צוטרעטן, איז מען געבליבן אין שטוב.

(ר' נחמן: ווען איז מען געגאנגען תשליך?) מען איז געגאנגען פון די הייזער. פון מיר אין שטוב האט געקענט ארויסגיין אפאר הונדערט מענטשן... איך האב געהאט א גרויסע שטוב - פיר גרויסע צימערן, אין אלע צימערן איז געווען געפאקט מיט מענטשן.

(ר' נחמן: מען איז געגאנגען צום טייך דארט?) יא, איך האב געוואוינט לעבן דעם גרויסן טייך - דארטן זענען זיך צונויף געקומען אלע, און פון נאך תשליך איז מען צוריקגעקומען צו מיין שטוב.

(ר' נחמן: ר' אברהם האט געדאוונט פארן עמוד די אנדערע נאכט אויך?) יא. און ער האט געזאגט א תורה אזוי ווי מען דאוונט א מוסף! ער פלעגט זאגן א גרויסע תורה פון די גרויסע תורות. (ר' נחמן: פון די תְּקִעו'ס!) פון די 'תקעו'ס, אדער 'פתח רבי שמעון', פון די אלע גרויסע תורות האט ער געזאגט א תורה פון עטליכע בלאט, אויסעווייניג, און מיט א קול, און נאך דעם האט ער געדאוונט מעריב (פארן עמוד).

❖ ❖ ❖

# ענף עץ אבות

(ר' חיים שלמה: רבי שמחה דעם רבי'נס פאטער איז געקומען צו רבי יצחק דראהביטשער פאר דער פטירה?) **ווער זאגט?** (ר' חיים שלמה: אזוי האב איך געזעהן שטיין!) **איך ווייס נישט.**

(ר' חיים שלמה: ער שרייבט אז רבי שמחה איז געקומען, האט רבי יצחק געזאגט: "ער קען שוין נפטר ווערן"!) **ווער שרייבט?** (ר' חיים שלמה: "נוה צדיקים") **איך ווייס נישט.**

איך האב אין אומאן געהערט, אז רבי נחמן הוראדענקער'ס רעביצין מזיווג שני, די וואס האט געבוירן דעם רבי'נס פאטער (ר' שמחה), איז געווען רבי יצחק דראהביטשער'ס[נט] א שוועסטער - אזוי האב איך געהערט אין אומאן. זי איז געווען א גרויסע גביר'טע, זייער א גרויסע צדיקת. זי איז געקומען צום בעל שם און געזאגט: "איך וויל א מאן פון אייערע תלמידים, איך דארף נישט האבן זיין פרנסה - איך קען אים געבן פרנסה!". ער האט דאך געוואוסט ווער זי איז, האט ער איר גע'שדכנ'ט רבי נחמן הוראדענקער.

(ר' נחמן: קומט אויס, רבי נחמן הוראדענקער מיט רבי יצחק דראהביטשער זענען געווען שוואגערס. און מיט רבי דוד צבי - רבי נתן'ס שווער, האבן זיי זיך עפעס אויך געקענט. רבי נתן האט דאך געזאגט ביי דער התקרבות צום רבי'ן אז ער האט א שייכות מיט אים מיט דער משפחה!) **יא יא, אויך דערפאר, ווייל דעם רבי'נס פאטער איז געבוירן געווארן פון רבי יצחק דראהביטשער'ס א שוועסטער, און רבי דוד צבי איז אויך געווען עפעס שייך אין דער משפחה, ממילא האט עס שייכות[ס].**

[ווען דער רבי איז געווען אין איסטאנבול און מען האט אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט, האט ער געזאגט ער הייסט 'יצחק', ער הייסט 'אייזיק'[סא]. די משולחים האבן

---

[נט] אביו של הרה"ק ר' מיכל מזלאטשוב זי"ע. נפטר ז' ניסן. הבעש"ט אמר עליו שנתנו לו משמים נשמה קטנה אשר כמעט אין בדור זה נשמה כזו. אבל הוא הגביה אותה למעלת התנא השב"י.

[ס] עי' גם שיש"ק (חדש) ח"ב, אות נ'.

[סא] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות מ"ב.

אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט, האט ער אויך געזאגט, דאכט זיך, אז ער הייסט 'יצחק'; דא הייסט ער אזוי, דא הייסט ער אזוי[סב]].

דעם רבי'נס מוטער ליגט אין מעזיבוזש, און דעם רבי'נס פאטער ליגט אויך אין מעזיבוזש, ווייזט אוים.

דעם רבי'נס מוטער, איר הסתלקות איז נאך געווען תק"ס-ס"א, אין די צוויי יאר וואס דער רבי איז געווען אין זלאטיפאליע[סג].

(ר' נחמן: רבי נתן שרייבט[סד], דער רבי האט דאך אמאל פארגעסן איר יארצייט, עס איז געווען דעמאלט אַן איבער יאר, ווייזט אוים אז איר פטירה איז נישט געווען אין א שנה מעוברת!) (השואל: וועלכער טאג?) י"ט אדר.

רבי שמחה איז געווען א געוואלדיגער מתבודד, ער איז קיינמאל נישט געווען אינדערהיים, רוב ימיו איז ער נאר געווען אין די פעלדער און די וועלדער, ער איז געווען זייער א פארבאהאלטענער.

(ר' נחמן: ווען האבן זיי (החבריא של הבעל שם) אים צוגעשיקט צום עמוד?) ווען ער איז געווען; קען זיין אז שבת איז ער יא געווען אינדערהיים, און א גאנצע וואך איז ער געווען א מתבודד. ער איז געווען דער בעל תפילה ביי זיי.

דאס האב איך געהערט, אז בשעת דער בעל שם איז נסתלק געווארן איז רבי שמחה אלט געווען צען יאר. ער איז דאך געווארן א יתום נאך א חודש נאך דער

---

[סב] עי' שבחי הר"ן חלק שני, אות י'.

[סג] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות שפ"ז, ובהערה שם.

[סד] עי' חיי מוהר"ן אות י"ד: "וּבְתוֹךְ כָּךְ נִתְלַהֵב מְאֹד וּפָנָיו הָיוּ מַאְדִימוֹת וּמְאִירוֹת, וְהִפְסִיק בְּאֶמְצַע קְצָת וְהָיָה אֶצְלֵנוּ פְּלִיאָה גְּדוֹלָה. וְאַחַר כָּךְ סִפֵּר לָנוּ שֶׁזֹּאת הַלַּיְלָה הוּא הַיָּארְצַייט שֶׁל אִמּוֹ, כִּי הָיָה אָז **י"ט אֲדָר וְהוּא שָׁכַח** וְלֹא הִדְלִיק נֵר וְלֹא אָמַר קַדִּישׁ, וְאָז הָיְתָה **שָׁנָה מְעֻבֶּרֶת** שֶׁהַיָּארְצַייט הוּא בִּשְׁנֵי חָדְשֵׁי אֲדָר כַּיָּדוּעַ וּבְתוֹךְ כְּתִיבַת זֹאת הַתּוֹרָה בָּאָה אִמּוֹ אֶצְלוֹ וְהִזְכִּירָה אוֹתוֹ הַיָּארְצַייט" וכו', עיי"ש.

מוטער[סה]. רבי נחמן האראדענקער איז ווייטער ארומגעפארן (בשליחות שונות להבעש"ט), ער האט דאך אים נישט געקענט מגדל זיין, ער איז געבליבן א יתום, איז ער געוועזן אין מעזיבוזש ביים בעל שם, אדל'ע האט אים מגדל געווען, ער איז געווען דארטן אין שטוב א קינד, זיי האבן געוואוסט אז ער איז רבי נחמן'ס א קינד, זייער א חשוב קינד. איז ער דארטן געוואקסן.

ווען זיין חתונה איז געווען? אז תק"כ איז געווען דאס הסתלקות פון בעל שם הקדוש, קען זיין עס איז געווען, תקכ"ג-כ"ד, אזוי דארטן!

(השואל: דער רבי איז דאך געבוירן געווארן תקל"ב?) דער רבי איז דאך נישט געווען דער בכור.

❖

## נסיעת רבי נחמן מהאראדענקע לארץ הקודש

(ר' נחמן: ווען איז ר' נחמן הארדענקער געקומען קיין ארץ ישראל?) ווען ער האט חתונה געמאכט רבי שמחה'ן; פריער – נישט. ער האט זיך געהאט שוין צוגעגרייט אויף צו פארן קיין ארץ ישראל נאך בחיי הבעל שם, ער האט זיך גע'עקשנ'ט (צו פארן. אמר לו הבעל שם:) "נו, נחמן, גיי אין מקוה אריין פריער!" ער איז געגאנגען אין מקוה, איז ער געקומען צוגיין. זאגט ער אים: "נחמן, וואס האסטו געזעהן אין מקוה?" (השיב:) "איך האב געזעהן ארץ ישראל". "וואס נאך האסטו געזעהן?" - "איך האב זיך נאכאמאל גע'טובל'ט האב איך געזעהן ירושלים". "וואס נאך האסטו געזעהן?" - "איך האב געזעהן דעם מקום המקדש". "וואס נאך?" - "איך האב געזעהן דעם קדשי קדשים". "און דער ארון?" - "דעם ארון האב איך נישט געזעהן". (ענה הבעל שם:) "ווייל דער ארון איז אין מעזיבוזש!" דער בעל שם הקדוש האט אים געזאגט

---

[סה] עי' הסיפור בשיש"ק (חדש) ח"א, אות א'.

אויף זיך: 'דער ארון איז אין מעזיבוזש', דערפאר האט ער נישט געזעהן. איז ער געבליבן. אז דער ארון איז אין מעזיבוזש איז ער נישט געפארן.

א צווייטע מאל איז ער שוין יא געפארן. עס שטייט אז ער איז געקומען ביים בעל שם הקדוש'ס קבר - מיט ר' יוסף (מקאמינקע, מתלמידי הבעש"ט), און ער איז אראפ מיט א שמחה: **"דער בעל שם הקדוש האט מיר שוין געהייסן אוועקפארן אין ארץ ישראל!" זאגט ער אים: "ער האט גערעדט? איך האב גארנישט געהערט!".** (התפלא ר' נחמן:) **"וואס הייסט דו האסט נישט געהערט? ער האט דאך מיר געזאגט איך זאל פארן קיין ארץ ישראל!"**

ער איז נישט אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל ביז ער האט חתונה געמאכט רבי שמחה'ן.

אין וואספארא יאר איז נפטר געווארן רבי נחמן הארדענקער? (ר' נחמן: דאס איז זיכער אז אין די כָּף'ן, אבער מען ווייסט נישט) **יא יא**[סו].

❖

## "וַיִּקָּבֵר בְּקִבְרוֹת אֲבֹתָיו"

**דאס ערשטע קינד** (מר' שמחה אבי רביז"ל) **איז געווען ר' ישראל. דעמאלט האט נאך געלעבט ר' יחיאל** (בעלה של מרת אדל, ואביה של מרת פיגא). **דער בכור איז געווען ר'**

---

[סו] בבואו לארה"ק השתקע בטבריא, ושם מנו"כ בביה"ח העתיק. נוסח מציבתו: "פ"נ הרב כמוהר"ר נחמן זצ"ל בר"ח תמוז הורידנקא". וע"פ שבחי הבעש"ט היתה יציאתו מחו"ל בשנת תקכ"ד ולשנה אחרת נפטר **בשב"ק** בחודש תמוז. ואולי כוונת 'לשנה אחרת' הוא שנפטר בשנה אחרת מבואו לארה"ק שהוא שנת תקכ"ו שאז חל ר"ח תמוז בימים שב"ק ויום ראשון. לפי זה נפטר ביום א' דר"ח תמוז. ופענוח הר"ת שבמציבה יהיה **בראש חודש** (ספר 'אור הגליל'). עי' גם טעם זקנים קונטרס צ"ה: "ר' נחמן הארדאנקער איז אוועק תקכ"ו-כ"ז". ובמקום אחר אומר רלוי"צ: "אין אומאן האב איך אלעמאל געהערט **תקכ"ו**". [מה שמובא שהיארצייט הוא ב' תמוז הוא מספר 'טבור הארץ' לר"מ קליערס, ואינו מותאם כפי נוסח המציבה].

ישראל 'מת'[סז] - דער נאמען איז נאכן בעל שם, נאכן זיידן. די אנדערע קינדער קען מען שוין נישט וויסן צו ר' יחיאל איז געווען יונגער - (או רביז"ל).

(ר' נחמן: ר' יחיאל הייסט מסתמא נאך ר' יחיאל דער דייטשל) **יא, פייגעלע'ס פאטער האט געהייסן ר' יחיאל - דעם בעל שם הקדוש'ס איידעם[סח]. און ר' שמחה'ס פאטער איז רבי נחמן הוראדענקער. איז דא די דריי נעמען - דאס איז די דריי זין: ר' ישראל - נאכן בעל שם הקדוש; ר' יחיאל - דאס איז פייגעלע'ס פאטער; און ר' נחמן - דאס איז ר' שמחה'ס פאטער.**

(השואל: און א שוועסטער!) **יא יא, אוודאי.** (ר' נחמן: פערל!)

(רבי נחמן: רבי נתן האט איר נאך געטראפן!) **יא, אין צפת.** (ר' נחמן: "אלמנותו של ר' פנחס מאיר אחותו של רבינו"[סט])

(ר' חיים שלמה: ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס[ע] דארף אויך ליגן דארט [אין טבריא]; מען ווייסט נישט וואו עס איז![עא]) **אמאל איז גארנישט געווען, מען האט נישט געשריבן אזוי פיל זאכן אויף דער מציבה.**

---

[סז] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות שפ"ח, מה שכינוהו כך.

[סח] אודות רבינו ואחיו ר' יחיאל ראה עוד בעלים לתרופה איגרת שכתב לו רבינו; ובחיי מוהר"ן סימנים פ' קס"ה רי"ט ר"מ שע"ז; ובכוכבי אור חלק 'אנשי מוהר"ן (חלק א') אות כ"ט.

[סט] עי' ימי מוהרנ"ת חלק שני, אות קל"ה: "וּכְשֶׁבָּאתִי לְשָׁם מָצָאתִי, שֶׁכְּבָר נִתְקַבְּצוּ אֲנָשִׁים וְנָשִׁים הַרְבֵּה לְשָׁם כְּדֵי לִרְאוֹת אוֹתָנוּ, **וּבְתוֹכָם הָיְתָה אַלְמָנַת רַבִּי פִּינְחָס מֵאִיר, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהִיא אֲחוֹתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁנִּתְאַלְמְנָה בְּסָמוּךְ**". גם עיי"ש אות קל"ז: "וְעָמַדְתִּי בְּבֵית הָרַב רַבִּי פַּיְבִישׁ בְּהָרַב מִוּולְטְשִׁיסְק, שֶׁשָּׁם הוּא דִּירָתָהּ שֶׁל הָאַלְמָנָה הַצַּדֶּקֶת מָרַת **פֶּערִיל** הַנַּ"ל שֶׁהִיא אֲחוֹתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְאָכַלְתִּי אֵצֶל דּוֹדִי וּזְקֵנִי רַבִּי שָׁאוּל הַכֹּהֵן מִבְּרָאד".

[ע] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת. עלה לא"י בקיץ שנת תרל"ד והתיישב בטבריא. נלב"ע כ"ו אדר שנת תרמ"ד.

[עא] בשנת תשס"ט נתגלה בס"ד מקום קבורתו בביה"ח העתיק בעיר טבריה סמוך ונראה לתלמידי הבעש"ט הקדוש.

אזוי אויך ר' יצחק[עב] (בן מוהרנ"ת) ליגט לעבן דעם בית יוסף[עג] (אין צפת) - און מען ווייסט נישט וואו ער ליגט, מען האט שוין געזוכט. איך האב געהערט מענטשן האבן געזוכט און געזוכט, מען ווייסט נישט; דארטן איז דא קליינע מציבה'לעך און עס שטייט נישט קיין נעמען[עד].

(השואל: ווען איז דעם רבי'נס פאטער נסתלק געווארן?) ביי דער תורה פון 'ימי חנוכה' איז ער נאך געוועזן ביים רבי'ן, חנוכה תקס"ט[עה], און נאכדעם שטייט שוין נישט ווייטער פון אים; ווייזן ווייזט אויס אז ער איז נסתלק געווארן נאך פארן רבי'ן!

אדל'ע האט חתונה געהאט, תק"ס, מיט דעם חמעלניקער רב'ס זון[עו]. דעמאלט זענען געוועזן דעם רבי'נס פאטער מיט דער מוטער אויף דער חתונה. (ר' נחמן: דער רבי האט געזאגט אז זיין מוטער האט געזעהן -) יא, אז זי האט געזעהן דעם בעל שם[עז].

---

[עב] נולד בערב פסח שנת תקס"ח. מגדולי תלמידי אביו אשר רוב מכתבים מספר 'עלים לתרופה' נכתבו אליו. בשנת תרכ"ח בהיותו בן ששים עלה לא"י והתיישב בצפת. נלב"ע בעיה"ק צפת י"ד אדר א' שנת תר"ל ומנו"כ שם בביה"ח העתיק.

[עג] עי' סיפור פלא בענין מקום קבורתו בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות תרס"ט.

[עד] עי' שיש"ק שם, בהערה: "הדף של ה'פנקס' הישן של החברא קדישא דצפת היה קרוע, ומקום קבורתו המדוייק של רבי יצחק לא נודע עד לשלהי שנות התש"ל, כאשר אנשי שלומנו ביקשו מאחד מדרי עיר הקודש צפת ת"ו לחפשו בסביבות קבורת מרן ה'בית יוסף', **ובחסד ה' הצליח למצוא שם את חלקת הקבר יחד עם המצבה הישנה**, וחידשו אז מצבה חדשה על גבי הישנה באותו נוסח".

[עה] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תרפ"ג: "אומרים שבעת אמירת המאמר "ימי חנוכה" בשבת חנוכה תקס"ט, היה אז הרה"ק רבי שמחה ז"ל אבי רבינו אצלו ז"ל, ושם בתורה הזכיר רבינו מענין שמחה, ומענין בן, ומענין הכתוב "זה ינחמנו" וכו'.

[עו] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות ת"א: רביה"ק השתדך עם הרה"ק ר' אברהם דוב מחמעלניק, היינו שבנו של רבי אברהם דוב, רבי יעקב יוסף (יוסקא), נשא לאשה את מרת אדל בת רבינו. ר' יעקב יוסף זה היה מכונה כן על שם זקינו חותן אביו, הוא הרה"ק בעל ה'תולדות יעקב יוסף' מפולנאה. שמחת הנישואין התקיימה בעיר חמעלניק בראש חודש אלול שנת תק"ס. וכו' עיי"ש.

[עז] עי' חיי מוהר"ן אות קי"ד: "וַיְהִי הַיּוֹם בִּשְׁנַת תק"ס רָאָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּמָקוֹם שֶׁרָאָה וְהִשִּׂיג בְּמָקוֹם שֶׁהִשִּׂיג שֶׁהוּא צָרִיךְ לִקְבֹּעַ דִּירָתוֹ בִּקְהִלַּת זְלַטִיפָּלְיֶע. וּבְאוֹתוֹ הַשָּׁנָה בְּסוֹפוֹ בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל

(ר' נחמן: עס איז דא א בריוו פון רבי'ן, חודש מנחם אב תקס"ט[עח], דער בריוו וואס ער שרייבט וועגן מרים וואס איז אפגעפארן קיין ארץ ישראל; שרייבט ער דארטן: "בן מוהר"ר שמחה יצ"ו", האט ער נאך דעמאלט געלעבט) **נו, תקס"ט.**

(רלוי"צ פונה לר' נחמן בורשטיין:) **האסט געהערט אמאל, נחמן? ר' בנציון אפטער האט געהאט עפעס א גאנצע מעשה אז דעם רבי'נס פאטער ליגט עפעס לעבן מעזיבוזש, איך ווייס נישט, עס איז נישט מסתבר.**

**אין מעזיבוזש פלעגט מען אמאל רעדן וואו עס ליגט דעם רבי'נס מוטער, און וואו ליגט אדל'ע דעם בעל שם הקדוש'ס טאכטער - מען האט אויך נישט געוואוסט וואו זי ליגט, זי ליגט דאך געווים אין מעזיבוזש, און ר' יחיאל** (בעלה) **דעם בעל שם'ס איידעם, האט מען אויך נישט געוואוסט. נאר די מציבות פון דעם אפטער רב** (בעל ה"אוהב ישראל") **און דעם דגל, ר' ברוך'ל, דעם בעל שם הקדוש, און ר' וואלף קיצעס - די פינעף מציבות האט מען געזעהן, מער - נישט.**

(ר' חיים שלמה: דער אפטער רב, זאגן זיי, אז ער ליגט דא?) **דאס איז עפעס אנדערש, אז מען פירט איבער – איז דאך אלע צדיקים פירט מען איבער![עט] אבער די מציבה איז דארטן** (אין מעזיבוזש).

---

עָשָׂה נִשּׂוּאִין לְבִתּוֹ אָדִיל הַנַּ"ל, וְהַחֲתֻנָּה הָיְתָה בַּחֲמֶלְנִיק, וְהָיָה שָׁם עַל הַחֲתֻנָּה עִם כָּל בְּנֵי בֵּיתוֹ כַּנָּהוּג. **וְעַל הַחֲתֻנָּה הָיְתָה אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת מָרַת פֵּיגָא זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה. וְרָאֲתָה בְּעֵת הַחֻפָּה אֶת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כִּי הִיא הָיְתָה צַדֶּקֶת בַּעֲלַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ**, וְכָל הַצַּדִּיקִים הָיוּ מַחֲזִיקִים אוֹתָהּ לְבַעֲלַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ וּלְבַעֲלַת הַשָּׂגָה גְּדוֹלָה, וּבִפְרָט אָחִיהָ הַצַּדִּיקִים הַמְפֻרְסָמִים הַיְנוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסֶּדִלְקֶיב וְהָרַב הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ רַבִּי בָּרוּךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה **כֻּלָּם הֶחֱזִיקוּ אוֹתָהּ כְּאַחַת מִן הַנְּבִיאוֹת**". [גם עי' חיי מוהר"ן אות י"ד: "**וּפַעַם אַחַת שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ שֶׁאִמּוֹ הָיְתָה בַּעֲלַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ**"].

[עח] עי' עלים לתרופה - מכתבי רבינו, יום ג' י"ב לחודש מנחם אב, תקס"ט.

[עט] עי' ספר 'שער החצר' סי' קל"א ובסיפור נורא המובא שם.

(ר' נתן אנשין: ר' דוד שעכטער דערציילט פון זיין זיידע ר' ישראל ראזענבוים[פ] [מאוסטרהא] וואס ער איז ארויף געקומען אין לאנד, אז ער האט געזעהן ווי מען פירט אריבער דעם אפטער רב) **אין טבריא.**

(ר' נחמן: וואו האט געוואוינט דעם רבי'נס שוועסטער?) **זי ליגט אין צפת.** (ר' נחמן: אבער וואו האט זי געוואוינט פאר ארץ ישראל - אויך אין מעזיבוזש?) **איך וויים נישט[פא]. דעם רבי'נס שוועסטער האט א זאג געגעבן רבי ברוך'לען, און זי האט געזאגט צום רבי'ן - זי איז עם דעמאלט געווען[פב].**

❖

## הבעל התניא עם רביז"ל

**רבי ברוך'ל פלעגט זיין אין טולטשין און אין מעזיבוזש, ער איז געווען א רבי אין טולטשין און א רבי אין מעזיבוזש. בשעת דער רבי איז געווארן רבי** (אין ברסלב)**, איז דעמאלט רבי ברוך'ל געווען אין טולטשין. שפעטער איז ער אויך געווען אין טולטשין.**

(ר' נחמן: און בשעת דער בעל התניא איז געפארן צו אים[פג]?) **איז ער אויך געווען אין טולטשין. שפעטער איז ער ארויס קיין מעזיבוזש, ער ליגט דאך אין מעזיבוזש.**

---

[פ] תלמיד חבר של הרה"ק ר' יהושע העשיל מאפטא בעל ה'אוהב ישראל'. עלה לארה"ק בשנות ה'תק"פ ונתישב בטבריא, שם היה לשמש בחברא קדישא. בימיו אירע הסיפור שהעירוהו מלמעלה באמצע הלילה והראו לו את העברת רבו לארץ ישראל. (עי' עוד 'משפחת שכטר' עמוד 31, ומעמוד 49-53; ובספר 'עשר אורות' ערך 'הרה"ק מאפטא' אות י"ט-כ').

[פא] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תקנ"ד: "אחר שמחת תורה בא לכאן אחותו הצדקת **מחמעלניק** ורצתה לעשות שלום בינו לבין הרב וכו' מורנו הרב רבי ברוך וכו', עיי"ש (מהשמטות ימי מוהרנ"ת)".

[פב] עי' כל זה בשיש"ק שם.

[פג] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות תקצ"ה.

(ר' חיים שלמה: דער בעל התניא איז געווען ביים רבי'ן אויך?) יא, אוודאי איז ער געווען ביים רבי'ן[פד]. ווען מען פארט פון רוסלאנד, פון ליובאוויטש, מוז מען דארט דורכפארן, דאס איז דער וועג, טעפליק, הייסין, לאדיזין, ברסלב, טולטשין - אזוי ווי א שורה, מען מוז דורכפארן די ערטער.

דער רַב איז דעמאלט געווען אין טעפליק. עס איז געווען עפעס אַן עגונה, האט מען איר געדארפט מתיר מאכן. מען איז געווען ביי ר' מרדכי'לע[פה] 'דער דיין' ער זאל זי מתיר מאכן. האט ער געזאגט: "אזוי ווי דער רַב דארף דא זיין - וויל איך ווארטן ביז דער רב וועט קומען, וועל איך זיך מיט אים מצרף זיין!" אזוי פארנדיג איז ער געווען אין טעפליק אויך, און ר' מרדכי דער דיין - דעם רבי'נס דיין, האט גערעדט מיט אים, און מען האט טאקע מתיר געמאכט די עגונה.

עפעס נאך א דיין איז געווען דארטן אין טעפליק, און ר' מרדכי איז געווען דער רב. אז דער רַב האט זיך געזעגנט, האט ער זיי אזוי געזאגט: "איר האט צוויי רבנים, האבן זיי דער ווערד א פארמעג מיט א קאפיקע!" איינער האט דער ווערד א פארמעג, און דער אנדערער - א קאפיקע.

(ר' נחמן: ער האט אנגעוויזן?) ניין, איינער איז א פארמעג, און איינער איז א קאפיקע;ביידע צוזאמען האבן זיי דער ווערד א פארמעג מיט א קאפיקע. (וכוונתו:) ר' מרדכי איז דער פארמעג, און יענער איז א קאפיקע. [א פיטאקל איז שוין מערער ווי א קאפיקע]. (השואל: ווער איז געווען דער צווייטער רב - פון רבי'נס מענטשן?) ניין, א רב אזוי.

פון דארטן איז דער רַב געווען ביים רבי'ן אין ברסלב אויך.

(השואל: דער רבי האט אים גערופן 'שר האלף'! - דאס איז געווען דעמאלט?) (ר' נחמן: יא!)

---

[פד] עיי"ש.

[פה] מאנשי עבודת ה' שבתלמידי רביז"ל. נתמנה לאב"ד דטעפליק בשנת תק"ע כשרביז"ל עבר שם בדרכו מברסלב לאומאן (עי' טעם זקנים קונטרס צ"א). בנו: ר' אברהם ציפורה'ס. גיסו: ר' דוד פאליער.

(אחד הנוכחים: דער רבי איז אויך געווען ביים רַב) דאס איז געווען פריער, נאך תקנ"ח[פו]. אבער דאס אז דער רַב איז געווען ביים רבי'ן דאס איז שוין געווען שפעטער (שנת תק"ע).

דער רַב איז דעמאלט געזעצן ביים רבי'ן, איז אריינגעקומען משה חינקעס. האט דער רבי געזאגט צו משה'ן: "גיב צדקה אַן אמת'ן תלמיד חכם". האט ער ארויסגענומען א רענדל און אים געגעבן. האט דער רבי אים געזאגט: "אט דאס גיט מען אַן אמת'ן תלמיד חכם?!" האט ער געגעבן - צוויי, דריי, ביז צען. די צען האט דער רבי צוגעשארט צום רַב, און דער רַב האט גענומען דאס געלט.

(ר' נחמן: דאס איז געווען געלט...) צען רענדלעך - יא, אזוי ווי היינט - נישט צען טויזנט, איך ווייס, אפשר צען מיליאן, א פארמעג.

דער רַב איז דעמאלט געווען פרייליך אז דער אויבערשטער האט אים געהאלפן אז ער איז איבערגעקומען 'פּעטערבורך'. [אמאל האט עס געהייסן פעטערבורך (פעטערבורג), דארטן איז געווען דער קיסר. דער רַב איז דאך געזעצן אין תפיסה דארט (עקב מלשינות המתנגדים)]. (וחשב:) ער וועט אויך קענען זיין בשלום מיט רבי ברוך'לען. דעמאלט האט אים דער רבי געזאגט: "'פּעטערבורך' זענט איר איבערגעקומען, אבער 'פּעטער ברוך' - נישט!" דער רבי האט אים געגעבן אנצוהערן אז מיטן פעטער וועט נישט זיין קיין שלום. דעמאלט איז טאקע געווארן נאך (גרעסער די מחלוקת ווי פריער).

(ר' חיים שלמה: וועלכער יאר איז דאס געווען?) איך ווייס נישט, אין ברסלב ( - כשישב רבינו בברסלב). דעמאלט איז דאך געווען וואס דער רַב איז געקומען צום רבי'ן ר' ברוך'לען, און דער רבי ר' ברוך'ל האט אים נישט פארבעטן ער זאל זיצן, האט דער רַב זיך

---

[פו] עי' חיי מוהר"ן, אות תקנ"ג: "**גַּם תֵּכֶף בְּבוֹאוֹ מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָסַע לִקְהִלַּת קֹדֶשׁ** (ליאזנע) **לְהָרַב הֶחָסִיד הַגָּאוֹן הַמְפֻרְסָם מוֹרֵנוּ הָרַב שְׁנֵיאוּר זַלְמָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה.** וְדִבֵּר עִמּוֹ הַרְבֵּה מֵעִנְיַן אַנְשֵׁי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי בְּעֵת הֱיוֹת רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שִׁחֲרוּ פָּנָיו שָׁם שֶׁיִּהְיֶה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שָׁם".

אליין אוועקגעזעצט. האט דאס פארדראסן פאר רבי ברוכ'ל פארוואס ער זעצט זיך אליין אוועק. האט ער אים געזאגט: **"פארוואס האסטו נישט קיין דרך ארץ פארן ויידנ'ס תפילין?!"**. ר' ברוך'ל פלעגט דאוועגען מיט די תפילין פונעם בעל שם הקדוש. האט דער רַב געזאגט: **"עס זענען פסול די תפילין"**. האט מען געעפנט, האט מען טאקע געפונען, עס האט געפעלט א יו"ד. האט דער רבי ר' ברוכ'ל געזאגט: **"נו, דו האסט מיר ארויסגענומען א יו"ד פון מיינע תפילין - - -**

(אחד הנוכחים: עס איז געווען כתבים וואס עס האט זיך פארברענט ביים בעל התניא פון דער קפידה, און ביי דעם רבי'ן ר' ברוך'ל איז אויך עפעס אוועק) **יא יא**[פז].

❖

## "איך האב געמיינט ער וועט מאכן ביידע!"

דער רַב האט געהאט א טאכטער, זי ליגט מיט אים צוזאמען אין איין אהל אין האדיטש, אין רוסלאנד, לעבן פאלטאווע. די טאכטער איז געווען זייער שלאַף. האט דער רַב געשיקט דארטן א תלמיד צו רבי נחום'ען (טשערנאבלער) מיט א פדיון ער זאל בעטן גאט פאר דער טאכטער די טאכטער זאל האבן א רפואה. האט רבי נחום געזאגט: **"פארוואס לאזט ער איר רעדן אזויפיל חסידות?!"** - זי פלעגט זאגן חסידות פאר אַן עולם. האט זיך אנגערופן רבי נחום: **"אדער ער דארף אוועק, אדער די טאכטער דארף אוועק - איינער מוז אוועק!"**. איז געקומען דער שליח און ער האט געזאגט צום רַב וואס רבי נחום (האט געזאגט). (ענה הרב:) **"דאס מאכן האב איך אליין אויך געקענט, איך האב געמיינט ער וועט מאכן ביידע!"** - עס זאל ביידע נמתק ווערן. און די טאכטער איז נסתלק געווארן. דאס איז די פרייד'קע, זי ליגט מיטן רַב.

❖

[פז] עי' בית רבי (חב"ד) פרק כ"א, בסופו בהערה: בסיפורים הנדפסים כתוב שאצל הרר"ב מתה בת. ואצל רבינו נ"ע נשרף אז חלק גדול מהשו"ע שלו שהוא חסרון לא יוכל לימנות כו'.

# רביז"ל משתדך עם בעל התניא

(אחד הנוכחים: דער רבי האט זיך משדך געווען מיטן רַב; ר' אַהרק'ע) יא, עס איז געווען דעם רַב'ס אַן אייניקל, א זון פון א טאכטער[פח].

ער איז געווארן דעם רבי'נס איידעם. חיה'קע - דעם רבי'נס טאכטער, איז געווען צום ערשט רבי יעקב יוסף'ס (-ליובארסקי, מטשעהרין) א שנור; איר מאן האט געהייסן ר' זלמן. עס איז זיי געבוירן געווארן איין זון - ר' נחמן חי'לעס. און איר מאן ר' זלמן איז נפטר געווארן (ונישאה בזיווג ש"ש לר' אהרן הרב מקרימנטשוק נכד הבעל התניא).

(השואל: ווער פון דעם רבי'נס טעכטער האבן נישט געהאט קיין קינדער?) (ר' נחמן: מרים![פט]) זי האט אויך געהאט א זון. (ר' נחמן: זי האט געהאט דא עפעס א יבום![צ]) יא, אבער זי האט געהאט א זון, דאס קינד איז אוועקגעגאנגען אויך יונג (ר' נחמן: זי ליגט טאקע מיט א קינד[צא]).

---

[פח] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות תע"ב: "בהיות רבינו אצל הרב מלאדי בחזרתו מארץ ישראל, רימז לו אז בדבריו שישתדכו ביניהם, ואכן אחרי שנתאלמנה מרת חיה בת רבינו נישאה בזיווג שני לרבי ארק'ע ב"ר אליהו זאסלאווסקי, הרב דקרימענטשאק, [היה בנה של הרבנית מרת פריידא (פרוידקע) בת הרב 'בעל התניא'] שהיה גדול בתורה וגאון עצום, והיה נכדו של הרב מלאדי; ורבי אר'קע היה מכבדה ומוקירה מאד מאד. הנישואין היו ככל הנראה בקיץ שנת תקע"ז". מוזכר כמה פעמים בשו"ת 'צמח צדק'.

[פט] עי' אודותיה בשיש"ק (חדש) ח"א, אותיות ת"ס-תס"ז.

[צ] עי' חיי מוהר"ן, אות ט"ז: "וּמַה שֶּׁכָּתַב שָׁם בְּעִנְיַן מִרְיָם שֶׁפָּגְמָה בִּכְבוֹד משֶׁה, וְאַהֲרֹן בִּקֵּשׁ (בְּמִדְבַּר י"ב), "אַל נָא וְכוּ' בְּצֵאתוֹ מֵרֶחֶם אִמּוֹ" שֶׁזֶּה בְּחִינַת עֹנֶשׁ הַיִּבּוּם עַיֵּן שָׁם, יֵשׁ בָּזֶה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת, כִּי רָמַז בָּזֶה עַל בִּתּוֹ מִרְיָם זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה שֶׁהָיְתָה כַּלָּתוֹ שֶׁל הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק וְכוּ' הָרַב לֵיבּוּשׁ מִוּוֹאלְטְשִׁיסְק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, שֶׁנָּסַע לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עִם כָּל בָּנָיו וְעַל יְדֵי זֶה נָסְעָה גַּם בִּתּוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. **וְכַמָּה שָׁנִים אַחַר פְּטִירַת אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה נִתְיַבְּמָה שָׁם**". עי' גם באבניה ברזל אות מ"ד: "בִּתּוֹ מִרְיָם, הִקְפִּיד מוֹהֲרַנַ"ת זְצוּקַ"ל עַל חֲמִיהָ שֶׁלֹּא הִנִּיחָהּ לִרְקֹד עִם רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל עַל הַחֲתֻנָּה... וּבִשְׁבִיל זֶה לֹא הָיָה לָהּ בָּנִים. (וְיֵשׁ בָּזֶה הַרְבֵּה לְדַבֵּר עַל־פִּי הַתּוֹרָה סִימָן כ"א כִּי הַתּוֹרָה שֶׁיֶּכֶת לְהַנַּ"ל)".

[צא] עי' ימי מוהרנ"ת חלק שני, אות קמ"ב: "וּבְתוֹךְ הַמְּעָרָה שֶׁל הָרַב מִוּוֹלוֹטְשִׁיסְק וְשָׁם מֻנַּחַת בִּתּוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַצַּדֶּקֶת **מָרַת מִרְיָם** זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה עִם בַּעְלָהּ **וּבְנָהּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה".

זי האט נישט געהאט קיין אריכת ימים. די גרעסטע אריכת ימים האט געהאט אדל'ע דעם רבי'נס טאכטער, זי האט געצויגן כמעט ביז די זיבעציג יאר[צב]. זי האט חתונה געהאט תק"ס. שר'קעס חתונה איז געווען תקס"ג - ניסן. און מרים'ס איז געווען תקס"ה. (ר' נחמן: דעם רבי'נס טאכטער, מרים, איז געווען אפאר יאר א כלה, אפשר פיר-פינעף יאר![צג]) חיה האט חתונה געהאט נאך דעם רבי'נס הסתלקות[צד].

(ר' חיים שלמה: דער רבי האט זיך משדך געווען מיט רב ייבא פון אוסטרהא?) די קינדער, שוין שפעטער, אלץ געווען פון דעם טשערנאבלער[צה].

❖

## "צוליב דעם האב איך דיר געשיקט!"

(ר' נחמן: עס איז געווען איינמאל וואס דער רבי האט געשיקט ר' מרדכי דיין, עפעס אויף א שבת, נאך א חתונה. דער טאטע פונעם חתן איז געווען פון די מפרשי הים. און ר' קלמן טולטשינסקי, דער גביר, זיינס א טאכטער האט גענומען דעם חתן. און אויף 'שבת שבע-ברכות' - 'דעם פרייליכן שבת' רופט מען עס, האט דער רבי געשיקט ר' מרדכי דיין ער זאל גיין אהין. האט מען אים מכבד געווען, מען האט אים אוועקגעזעצט לעבן חתן, און מען האט אים געגעבן עפעס א פרי פון די פירות. איז געווען א גאנצע שאלה וועגן א ברכה. דער חתן האט געקענט לערנען, האט ער זיך געשפאַרט מיט ר' מרדכי'ן - עפעס א שטיק צייט זיך געשפארט, עד כדי כך, אז דער חתן האט פארגעסן אז ער איז א חתן און ער איז געשטאנען מיט א פוס אויפן בענקל מרוב פלפול. נאך דעם האט זיך אנגערופן דער טאטע פונעם חתן: 'זאל שוין זיין גענוג, דער איד איז גערעכט!' דאס הייסט, ר' מרדכי. נאך דעם שפעטער האט מען געפרעגט 'ווער איז דער איד?' האט מען געזאגט, 'דאס איז א תלמיד פון דעם ברסלב'ער רבי'ן'. האט ער געזאגט: 'הא, דאס האב איך גארנישט געוואוסט אז חסידים קענען אויך לערנען!' אזוי האט געזאגט דער טאטע פונעם חתן. נאך דעם אז ר' מרדכי איז געקומען צום רבי'ן האט ער דערציילט דעם רבי'ן די גאנצע מעשה. האט

---

[צב] נולדה בסוף שנות ה'תק"מ, ונפטרה לבית עולמה בשנת תרי"ד. (שיש"ק [חדש] ח"א, אות ת"ט)

[צג] עי' חיי מוהר"ן קי"ד: "וְאָז בְּאוֹתָהּ הָעֵת **תֵּכֶף אַחַר הַחֲתֻנָּה** הַנַּ"ל (בתו מרת אדל, שנת תק"ס) **נִשְׁתַּדֵּךְ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם בִּתּוֹ מָרַת מִרְיָם זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה, עִם הָרַב הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם מוֹרֵנוּ לֵיבּוּשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַב בֵּית דִּין דִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ וָואלְטְשִׁיסְק**". ועי' בהמשך בחיי מוהר"ן אות קי"ז: "בִּשְׁנַת תקס"ה עָשָׂה נִשּׂוּאִין לְבִתּוֹ מִרְיָם זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה בִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ וָואלְטְשִׁיסְק".

[צד] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, אות פ"ד.

[צה] עי' עלים לתרופה מכתב מיום ג' ראה שנת ת"ר; ובשיש"ק (חדש) ח"א, אות תע"ד הערה י"ג.

דער רבי געזאגט: 'צוליב דעם האב איך דיר געשיקט!' - איר האט געהערט אזא זאך?) איך האב עפעס יא געהערט, נאר איך ווייס נישט צו עס איז בבירור, איך האב געהערט עפעס אזא מין מעשה, איך קען עס נישט נאכדערציילן אז איך ווייס נישט צו עס איז עפעס אזוי בבירור די זאך. דער רבי האט אים געשיקט צוליב דעם - ער זאל ווייזן?! איך ווייס נישט, 'לא ראינו אינו ראיה'...[צו]

❖

## מען ווייַנט נישט נאר פאר פרנסה...

(ר' נחמן: ר' קלמן'ס קלויז איז טאקע געוועזן אין אומאן?) ער איז א גרויסער גביר געווען, א גרויסער עושר, און ער האט געהאלטן מיטן רבי'ן, ער איז געווען אין רבי'נס צייטן. און אין די צייטן פון רבי נתן'ען האט ער אסאך געגעבן א פלייצע[צז]. זיינס א קלויז איז געווען א רייכער קלויז, עס איז געוועןווארעם, שיין[צח].

ר' לייבעלע קאנסטאנטינער [ער איז געווען נאך דעם דער חזן ביי אונז] פלעגט אריינגיין אין דעם קלויז דארטן (ר' קלמן'ס קלויז) אין דער ווינטער ווען עס איז געווען קאלט (כי שם היו מחממים היטב), און ער פלעגט דארטן זיצן, געדינט דעם אויבערשטן, געוויינט (פארן אויבערשטן) אזוי ווי א ברסלב'ער חסיד. אז מען האט אים אפגעזאגט פון דער פרנסה פון קאנסטאנטין האט ער שוין געוואוינט אין אומאן. איז ער געזעצן דארט און געוויינט.

(ר' חיים שלמה: ר' לייבעלע קאנסטאנטינער האט דעמאלט אפגעלאזט דער פרנסה?) ער איז געקומען אויף ראש השנה כדי צו מקרב זיין ר' אייזיק'ן[צט] (אייזנשטיין, מאומאן). ר' אייזיק

---

[צו] מובא בסיפורים מכת"י ר' שמואל הורוויץ ז"ל.

[צז] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שצ"ד.

[צח] עי' טעם זקנים קונטרס נ'.

[צט] הוא הגבר אשר בנה ושיפץ והקים מחדש על חשבונו את הקלויז באומאן בשנת תרס"ג (טעם זקנים קונטרס ז'). נפטר בן פ"ט שנים י"ח טבת תרפ"ד. עי' גם הערה הבא.

**האט אים געזאגט: "אז איר פארט נישט - פאר איך אויך נישט"! איז ער געפארן אויף ראש השנה. אז ער איז געפארן אויף ראש השנה איז ער געווארן דארטן אויס חזן**[ק] (בקאנסטאנטין).

**האט דער שמש געמיינט אז 'פארוואס וויינט ער'? ער האט נישט קיין פרנסה! מען האט אים אפגעזאגט ווייל ער איז א ברסלב'ער, דערפאר וויינט ער. זאגט ער אים: "איך וועל אייך דערציילן א מעשה פון אייער רבי'ן - וועט איר נישט וויינען". האט ער אים דערציילט א מעשה פונעם רבי'ן, אז אין דער צייט וואס דער רבי איז נסתלק געווארן, איז זיין טאטע דעמאלט געווען פון די חברא קדישא, און זיין זאך איז געווען אראפנעמען דעם נפטר און אוועקלייגן אין קבר, דאס איז געווען זיין שימוש.**

---

[ק] עי' טעם זקנים שם: ר' לייבל'ע קאנסטאנטינער איז געווען א געוואלדיגער סארט מענטש, אַן איש צדיק, א קדוש. ער האט געשיקט מענטשן צום רבי'ן אויף ראש השנה, און ער אליין איז נישט געפארן, ער איז געבליבן אין 'קאנסטאנטין', ער איז דארט געווען דער 'חזן' אין שטאט. איז ער האט מקרב געווען דעם ר' אייזיק. מען פלעגט זאגן אויף אים א ווערטל: "ער וועקט צו 'סליחות', און 'ער' לייגט זיך שלאפן...!" דער ר' אייזיק איז דעמאלט געווען א יונגערמאן פון זעכצן יאר - דאס איז געווען אין יאר תרי"א, ר' אייזיק איז געבוירן געווארן תקצ"ה. האט ער געזאגט צו ר' לייבעלע'ן: "אז איר פארט נישט אויף 'ראש השנה', פאָר איך אויך נישט!" האט ר' לייבעלע אוועקגעווארפן דער 'פרנסה', און ער איז געקומען אויף ראש השנה, אינאיינעם אריינגעקומען מיט אים. ר' אייזיק איז געווען א מין 'שיינקייט פון א מענטש', א 'יפה תואר', 'משכמו ומעלה גבוה'! איך האב אים געקענט שוין אויף דער עלטער, עס איז געווען אין יאר תרע"ד, און פון תקצ"ה איז שוין אויך געווען נײַן און זיבעציג יאר, ער איז שוין אַן אלטער איד געווען, אבער ער האט אזוי געשיינט! אזא מין 'שיינער פנים', אזא מין 'פריילעכקייט', אזא מין 'הדרת פנים', אזא מין 'סבר פנים'! רבונו של עולם - וואו זעהט מען אזא מין אידן?! ווען ער איז אריינגעקומען אין 'קלויז', אונזערע לייט האבן א קוק געגעבן אויף דעם אינגערמאן, 'דאס פנים'! - און ר' לייבעלע איז דארטן! האבן זיי פארשטאנען, אז צוליב דעם יונגערמאן, דערפאר איז ער געקומען! פאר דעם יונגערמאן איז אים כדאי געווען אז ער זאל אלעס מפקיר זיין! נו, איז דאך 'אויס פרנסה', דער עיקר חזן איז דאך אין די 'ימים נוראים'! האב איך געהערט, אז מען האט פאר אים צונויף גענומען - מען האט אים געמאכט 'דריי און אכציג רובל', און מען האט אים געגעבן! דעמאלט 'דריי און אכציג רובל' איז עטליכע יאר פרנסה, א 'פארמעג'! ער איז דאך אבער א 'חזן', מוז מען דאך אים געבן א 'תפילה' אויך, אז נישט וועט ער דאך האבן חלישות הדעת, האט מען אים געגעבן דעם צווייטן טאג מוסף. און ער האט דאך שוין נישט געקענט פאָרן קריק קיין קאנסטאנטין, איז ער שוין פארבליבן וואוינען אין אומאן! [נפטר בשנת תרמ"ט ומנו"כ באומאן. לא הניח בנים. (גידולי הנחל)]

האט זיין טאטע אים דערציילט, אז בשעת ער האט אנגענומען דעם רבי'ן אים אראפצולייגן אויפן פלאץ, האט מען אים ארויסגענומען פון דער האנט, עס האט אים געגעבן א שיין אין די אויגן - א לעכטיגע שיין איז געווען, מען האט אים גענומען פון אים און מען האט אים אוועקגעלייגט אויפן ארט - 'ווער? וויס איך נישט'. האט ער מיר געזאגט (אביו של השמש לבנו): **"אז איך האב דאס געזעהן - זאג איך דיר אָן, דו זאלסט זיך היטן, דו זאלסט נישט רעדן, דאס האב איך מיט מיינע אויגן געזעהן!"**

ער איז געווען פון דער חברא קדישא, ער איז געווען א מבין... דעמאלט אין יענע יארן איז דאך געווען גדולים.

זאגט ער (השמש): 'אז דו האסט געהאט אזא רבי'ן, דארפסט וויינען??!'

ער האט נישט געוואוסט: אז מען האט אזא רבי'ן – דעמאלט וויינט מען טאקע...

ווייזט אוים, אז מען וויינט נישט נאר פאר פרנסה...

❖

(ר' משה: ווער איז געווען ר' וועלוול דיבאווער?) **יא יא איך האב געהערט, ר' וועלוועלע דיבאווער**[קא]. (ר' משה: ער פלעגט טאנצן אשרינו דא?) **יא יא.**

---

[קא] עי' שיש"ק ח"ז, אות רל"ב: "אנ"ש שבדור האחרון סיפרו בשבחו של החסיד המכונה רבי וועלוול ז"ל שמעיר דיבאווע והרבו בשבחו מאד מגודל עבודותיו בתורה ובתפילה והיה איש שמח והיה שר ומפזם הרבה לעצמו הניגון 'אשרינו'".

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

בקשו רחמים לרפואת **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י

מוהר"ר **אברהם משה הכהן שווארץ** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בנו החה"ח **מנחם יואל הכהן** נ"י
החתונה תתקיים בשעטומ"צ יום ד' **יתרו** הבעל"ט
באולם **אטריום** מאנסי, כל הקהל מוזמנים

מוהר"ר **יצחק משה גאלדבערגער** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בנו החה"ח **יוסף אלימלך** נ"י
החתונה תתקיים בשעטומ"צ יום **ב' יתרו** הבעל"ט
באולם **עטרת חיה שרה** מאנסי, כל הקהל מוזמנים

מוהר"ר **יעקב קאליש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו עם
החה"ח **נחמן קיש** נ"י
למזל טוב

מוהר"ר **אהרן משה**
**מרדכי פריעד** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו החה"ח **יצחק אייזיק** נ"י
למזל טוב

מוהר"ר **חיים**
**גאלדרינג** הי"ו
לעיקוואד
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוהר"ר **אהרן משה**
**לייפער** הי"ו
מאנסי
לרגל הזכיה על שהותו בשבת
שירה אצל ציון רביה"ק באומאן
יצ"ו

מוהר"ר **שמשון צבי**
**פאגעל** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוהר"ר **יעקב**
**עסטרייכער** הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוהר"ר **יושע מנחם**
**פריעד** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוהר"ר **יעקב**
**גערטנער** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא**
**רבקה** ב"ר **חיים צבי**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה**
**שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה